The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

פאליטיש אונאפהענגיג נאציאנאל
א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XIX No 7830 — Monday, March 28th, 1932 — יום ב׳, כ׳ אדר ב׳ פרשה שמיני, תרצ״ב. — טאראנטא, מאנטאג דער 28-טער מערץ, 1932. — PRICE. THREE CENTS

בראנקסער מיידעל געקרוינט אלס אסתר-המלכה אין נ. י.

ניו-יארק, מערץ, 27, (איטא).

לידיא שולמאן, 19 יאהר אלט, פון 2161 בארנעס עוועניו, בראנקס, איז געקרוינט געווארען אלס אסתר המלכה און סטעלא קיעלסאן, 20 יאהר אלט פון 881 וואשינגטאן עוו., ברוקלין, איז באשטימט געווארען אלס ״פרינצעסין״ ביים פערטען יערליכען אסתר המלכה קאנטעסט און באל, וועלכער איז ארגאנזשירט געווארען פון אידישען נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד.

איבער 10 טויזענט מענשען זענען אנוועזענד געווען.

א היסטארישער ספעקטאקעל איז דורכגעפיהרט געווארען פון מארק שוויד מיט דער באטייליגונג פון א סך פראמינענטע ארטיסטען.

די דזשורי, וועלכע האט אויסגעקליבען די קעניגין איז באשטאנען פון דער מאווי ״סטאר״ אסתר ראלסטאן, פון סטעלא אדלער, גערטרוד בערג, מארטין סטאר, פאול מוני, ש. ראסקין, ד. ה. רובינשטיין און אנדערע.

האי-קאמישאנער גיט לאנטשעאן פאר בראדעצקי׳ן און ניומאנ׳ען

ירושלים, מערץ, 27, (איטא).

די וויכטיגסטע פאליטישע פראבלעמען פון דער אידישער נאציאנאלער היים זענען נעכטען דיסקוטירט געווארען אויף א לאנטשעאן, וואס דער פאלעסטינער האי-קאמישאנער האט געגעבען לכבוד זעליג בראדעצקי, פון לאנדאן, און עמאנועל ניומאן, פון ניו-יארק, וועלכע זענען ביידע מיטגלידער פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

עס ווערט ערקלעהרט, אז וויטערדיגע פארהאנדלונגען וועגען די דאזיגע פראבלעמען וועלען אין גיכען פארקומען.

פראפעסאר בראדעצקי און מר. ניומאן האבען ביידע געקראגען א קבלת פנים ביי א געשלאסענער זיצונג פון דעם אלגעמיינעם ציוניסטישען ראט אין תל-אביב.

די זיצונג האט ארומגערעדט פאליטישע און אנדערע פראגען און די רעדנער האבען אונטערגעשטראכען די וויכטיגקייט פון צוזאמענארבייט, ווערט ערקלעהרט.

רומענישע פרעסע אין שרעק איבער אנטיסעמיטישען פראיעקט

בוקארעסט, מערץ, 27 (איטא).

די רומענישע רעגיערונג וועט פיעלייכט אננעהמען דעם פארשלאג פון דעם אנטי-סעמיטישען פיהרער, קוזא, אויסצושליסען ״פרעמדע״ פון אלע עקאנאמישע טעטיגקייטען אין לאנד, איז די מורא וואס די אידישע דעפוטאטען האבען אויסגעדריקט אין א סטייטמענט צו דער ״אידישער טעלעגראפען אגענטור״.

די אידישע דעפוטאטען האבען אנגעוויזען ,אז קוזא׳ס פראיעקט האט גוטע שאנסען אנגענומען צו ווערען אלס רעזולטאט פון די אנטיסעמיטישע טענדענצען וואס הערשען איצט אין לאנד.

דער דאזיגער פראיעקט, וואס פראפעסאר קוזא האט לעצטע וואך פארגעשלאגען, איז שטארק געצילט געגען די צעהן טויזענט אידען אין רומעניע, וואס זענען נאך ניט געווארען קיין בירגער. די דאזיגע אידען זענען נאך ניט נאטוראליזירט געווארען דערפאר, וואס די רעגירונג ליגט זיי שטיינער אין וועג, איז ערקלעהרט געווארען.

מצות קאמפיין פארבאטען אין בעסאראביע

קישענעוו, מערץ, 27, (איטא).

די בעסאראבישע רעגיערונג האט פארבאטען דעם קאמפיין צו באזארגען די רוסישע אידען מיט מצות. דער קאמפיין האט זיך געזאלט אנהויבען שבת אווענט.

די ארטיגע מאכט האט ניט אנגעגעבען קיין אורזאך פאר פארבאטען דעם קאמפיין. די פארארדנונג ערקלעהרט, אז דער פארבאט רוהרט ניט אן די פעקלאך וואס יחידים שיקען קיין סאוועט רוסלאנד.

אמעריקע וויל ניט פאסיפיסטען אלס בירגער

וואשינגטאן, מערץ, 27. (איטא).

די סענאט אימיגראציע סאב-קאמיטע האט רעקאמענדירט צו דער סענאט אימיגראציע קאמיטע ניט גינסטיג וועגען דעם ביל, וואס איז פארגעשלאגען געווארען, אז פאסיפיסטען, וועלכע ווילען זיך ניט באטייליגען אין מלחמה, זאלען דערלויבט זיין צו ווערען בירגער.

פאגראם אויף אידען אין פאזנאן; פאליציי פארוואונדעט געווארען

ווארשע, מערץ, 27, (איטא).

נאך א שטארקער אנטי-אידישער באי-קאט-אגיטאציע וועלכע איז אנגעפירט געווארען פון די ענדעקעס אין פארבינדונג מיט ״איסטער״ האט א מאב פון צווישעטע כוליגאנעס פאגראמירט די אידישע קראמען אין דעם שטעדטעל קורניק, פאזנאנער קרייז.

צוויי פאליסלייט זענען פארוואונדעט געווארען אין א פרוביר צו באשיצען די אידען. ענדליך זענען אנגעקומען נאך פאליציי-אפטיילונגען און דער פאגראם איז אונטערדריקט געווארען.

איין כוליגאן איז ערנסט פארוואונדעט געווארען, 22 זענען ארעסטירט געווארען איינשליסענדיג דעם היגען ענדעקישען פיהרער וועלכער וועט אפשר געמשפט ווערען פון א פעלד-געריכט.

פאמיליע פון 5 פארברענט געווארען אויף טויט

נאפאני, אנט., מערץ, 27.

אין א שרפה וואס האט היינט פריה אויסגעבראכען אין א הויז אין דעם דערפעל פלינטאן, 50 מייל פון דאנען זענען פינף פערזאן פארברענט געווארען אויף טויט און צוויי האבען זיך קוים געראטעוועט.

די קרבנות זענען א מוטער און דריי קינדער און זייער א באבע. געראטעוועט האט זיך דער פאטער און זייער פיער-יאהריג קינד.

די נעמען פון די קרבנות זענען: מרס. אלבערטא בעקווארט(82 יאהר אלט, די באבע; מרס. לעא קאסיבא, 32 יאהר אלט, די מוטער און איהרע קינדער רעימאנד, 7 יאהר אלט, עלמירא, 6 יאהר אלט און רודאלף, 5 יאהר אלט.

דער פאטער לעא און זיין זוהן ראלף זענען די וואס האבען זיך געראטעוועט.

לינדבערג׳ס בייבי באלד צוריק

נארפאלק, ווירדזשיניא, מערץ, 27.

די קאמיטע פון פראמינענטע דריי פערזאן וועלכע אונטערהאנדעלט מיט די קידנעפער׳ס פון לינדבערג׳ס קינד דערווארטעט, אז די לעצטע פארהאנדלונגען מיט די קידנעפערס זאלען היינט פארקומען און אז דאס קינד זאל זיין צוריק מיט די עלטערען אין א טאג ארער צוויי.

קיינע איינצעלהייטען וועגען די פארהאנדלונגען זענען ניט ארויסגעגעבען געווארען, מר. קוירטיס, איינער פון פארמיטלער, איז אבער זעהר אפטימיסטיש וועגען דעם באלדיגען אויסגאנג פון די אונטערהאנדלונגען.

וויכטיגע פארזאמלונג פון אנטעריא׳ר ציוז רייאן נעכטען אפגעהאלטען

אונטער׳ן פארזיץ פון דר. י. גאלדסטיק פון לאנדאן, אנטאריא, איז נעכטען נאכמיטאג אפגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ פון אנטאריאר ציוניסטישען ראיאן.

עס זענען אנוועזענד געווען אויסער די דעלעגאטען פון טאראנטא אויך דעלעגאטען פון לאנדאן, קיטשענער, האמילטאן, ברענטפארד און אטאווא.

די קאנפערענץ האט נאכאמאל באשטעטיגט אז דער אנטאריאר ראיאן איז א געזונטע און טעטיגע קערפערשאפט, וואס האט און וועט פיעל אויפטאן פאר ציוניזם אין קאנאדא. די באריכטען, וואס די פארשטעהער פון די פארשיידענע שטעדט האבען אפגעגעבען זענען געווען פול מיט ענטוזיאזם און חשק צו ווייטער ארבייט.

וועגען דער טעטיגקייט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין טאראנטא האט באריכטעט מ. קרעמער; פון לאנדאן, אנט. — מרס. לעוו און דר. גאלדסטיק; פון אטאווא — עפשטיין; פון קיטשענער — פלארענס; אויך דעלעגאטען פון האמילטאן און ברענטפארד.

עס איז באשלאסען געווארען צו רופען די צווייטע יערליכע קאנפערענץ פון ראיאן, דעם 24-טען אפריל, חוה״מ פסח, אין טאראנטא. די טאראנטאר מיטגליעדער פון דער עקזעקוטיווע איז איבערגעגעבען געווארען צו מאכען די נויטיגע הכנות.

באזונדערס לאנג און אינטערעסאנט דעבאטען האבען זיך אנטוויקעלט ארום דער פראגע פון א דירעקטאר פאר ציוניסטישער טעטיגקייט אין דעם ראיאן. פון איין זייט האט זיך ארויסגעוויזען א שטארקער פארלאנג פאר אינטענסיווער ציוניסטישער קולטור טעטיגקייט (אלדערמאן דזש. גלאס, קאל א. א.) און פון צווייטען זייט האט נעקעמפט אן אויסערגעוויינטליכקייט און פארלאנג פאר אן ענגער צוזאמענארבייט מיט׳ן נאציאנאל קאונסיל (משה געלבער, עדי געלבער, שאץ, א. א.).

עס איז באשלאסען געווארען אפצולייגען די פראגע ווען באשטימען א דירעקטאר פאר׳ן ראיאן ביז נאך דעם קומענדען מיטינג פון נאציאנאלען קאונסיל, וואס דארף פארקומען אין גיכען און וועלכער וועט אפפען דארפען קלאהר מאכען דעם סטאטוס פון אנטאריאר ראיאן אין דער קאנאדער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

„דזשאינט" באשליסט צו פארטזעצען הילפס-ארבייט פאר רואינירטע אייראפעאישע אידען; לאגע קריטיש

אפיעל צו אמעריקאנער אידען צו העלפען אייראפייאישען אידענטום טראץ איצטיגען קריזים אין אמעריקע גופא. — ״דזשאינט״ האט לעצטען יאהר אויסגעגעבען פאר הילף 699 טויזענט דאלאר. — אידען אין רוסלאנד ניט געהאלפען. — נייע דיקרעקטארען באארד דערוועהלט ביי יערליכען מיטינג פון נאציאנאלען קאנסיל.

ניו-יארק, מערץ 27 , (איטא).

א רעזאלוציע צו פארטזעצען אויף ווייטער די הילפס ארבייט פון דער ״דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע״ איז היינט אנגענומען געווארען ביים יערליכען מיטינג פון דעם נאציאנאלען קאנסיל פון ״דזשאינט״ וואס איז היינט דעם גאנצען טאג אפגעהאלטען געווארען אין האטעל פענסילווייניא.

אונטערשטרייכענדיג אז די אידישע לאגע אין אייראפע איז אין פיעלע אופנים טראגישער ווי זי איז געווען באלד נאך דער מלחמה, פאדערט די רעזאלוציע אויף דאס אמעריקאנער אידענטום ניט צו אפטרייסלען זיך פון דער הילפס-ארבייט אויפ׳ן חשבון פון דער דעפרעסיע אין אמעריגע און צו העלפען די געטראפענע אידען אויף יענער זייט ים.

קיין באשטימטע סומע צו שאפען איז ניט באקאנט געמאכט געווארען. דער בודזשעט וועט אין גיכען באשטימט ווערען ביי א מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו קאנסיל.

צווישען די רעדנער זענען געווען: בערוואלד, ארלער, היימאן, ראזענבערג, יונה וויז, וואלדעק, דער יונייטעד סטייטס אטוירני דזשארדזש ז. מעדאליע, דזשיימס מארשאל, פאול פעליקס ווארבורג, פארטרעטענדיג זיין פאטער פעליקס ווארבורג וועלכער איז קראנק דייוויד בראון, דייוויד ברעסלער און רבי לאזאראן.

אלע האבען אונטערשטראכען וועגען דער פריהערדיגער ״דזשאינט״ ארבייט, אויף וועלכער 81 מיליאן דאלאר איז דאן אויסגעגעבען געווארען און עס איז אנגעוויזען געווארען אז אויב די דאזיגע הילף זאל אפגעשטעלט ווערען דאן וועלען אידישע קהלות בארהעט ווערען מיט אונטערגאנג.

דער ״דזשאינט״ האט צו יענער צייט אויסגעלערענט אידישע קהלות צו העלפען זיך אליין. איצט אבער, צוליעב דעם וואס אין פיעלע פעלען האבען רעגירונגען אויפגעהערט סובסידירען אידישע אינסטיטוציעס און שולען איז זייער עקזיסטענץ געשטעלט געווארען אין געפאר.

א ״מעסעדזש״ וואס איז דערהאלטען געווארען פון בערנארד קאהן לויטעט אז די פארערגערטע לאגע פון די אידישע מאסען אין מזרח-אייראפא, רופט זיך אפ שלעכט אויף דער סיטואציע פונ׳ם וועלט-אידענטום און אפילו איצט איז ער שוין געצוואונגען צו שאפען קינדער קיכען, כאטש דער פראגראם פאדערט אז עס זאל געגעבען ווערען קאנסטרוקטיווע הילף.

מעסעדזשעס זענען דערהאלטען געווארן פון פרעזידענט הואווער און ליוטענאנט גאווערנאר פון ניו-יארק, לעהמאן.

אין זיין באריכט וועגען דער ״דזשאינט״ אקטיוויטעט וואס היימאן האט צוגעשטעלט ווערט אנגעוויזען, אז די ״דזשאינט״ האט אויסגעגעבען דורכ׳ן לעצטען יאהר 996 טויזענט דאלאר פאר רעליעף, קולטור, מעדיצין, סאניטאציע, רעקאנסטרוקציע און אפהיטונג פון קינדער. די הילף איז געגעבען געווארען אין 1068 פארשיעדענע פלעצער אין אייראפא אויסשליסענדיג רוסלאנד. נייע מעמבערס זענען צוגעקומען. 48 זענען באשטימט געווארען צו דער דירעקטארען באארד. מיט יונה וויז אלס טשערמאן, דזשארדזש וו. נאומבערג טרעזשורער אויפ׳ן פלאץ פון בערנארד מארקא און פ. העלמאן, ״אסאשיאייט״-טרעזשורער.

וויל שאפען אידישען צענטער אין קובא

האוואנא, מערץ, 27, (איטא).

מאקס סמאל, וויצע-פרעזידענט פון אידישען צענטער אין קובא, איז נעכטען אפגעפאהרען קיין ניו-יארק.

מר. סמאל וועט אין ניו-יארק פארהאנדלען מיט דעם ״היאס״ פאר דער גרינדונג פון א אידישער קאמיטע אין ניו-יארק, וואס זאל ארבייטען אין די אינטערעסען פון דעם אידישען צענטער אין קובא.

שוהל אין זשאלודעק ארונטער מיט׳ן פייער

ווילנא, מערץ, 27, (איטא).

די אלטע שוהל אין זשאלודעק איז נעכטען ארונטער מיט פייער — לויט א מעלדונג וואס איז אהער אנגעקומען.

אין דעם פייער איז אויך פארברענט געווארען א זעלטענע זאמלונג פון גמרא׳ס דאס פייער איז פאראורזאכט געווארען דורך א ליכט.

פאליציי האט גלייכגילטיג צוגעזעהן דעם פאגראם אין יאסי, רומעניע

בוקארעסט, מערץ, 27 (איטא).

דער אידישער דעפוטאט לאנדראו האט זיך היינט צוריקגעקעהרט פון יאסי וואוהין ער איז געפאהרען אונטערזוכען דעם פאגראם וואס די אנטיסעמיטישע ״אייזערנע וואך״ האט געמאכט אויף די אידישע שולען דארט.

ער האט געשילדערט מיט אלע איינצעלהייטען אין פארלאמענט ווי אזוי די כוליגאנעס האבען פארשוועכט 10 ספרי-תורות און בעת די דאזיגע אקטען זענען דורכגעפירט געווארען איז די זשאנדארמעריע געשטאנען ביי דער זייט און האט זיך צוגעקוקט גלייכגילטיג.

צום סוף פון זיין רעדע האט לאנדראו געפאדערט אז פאר דער באליידיגונג פונ׳ם רומענישען אידענטום זאלען די כוליגאנעס שווער באשטראפט ווערען.

אויף זיין פאדערונג האט דער פרעמיער יארגא דערקלעהרט, אז טראץ דעם וואס די רעגיערונג איז געגען וועלכע עס איז רוהע-שטערונגען, ווארפט זי אבער צוריק די פאגראם שילדערונגען כדי ניט צו ערגער מאכען די באציהונגען פון די בירגער.

דארויף האט איהם לאנדראו געענטפערט אז ער האט בלויז געוואלט באקומען א צופרידענשטעלענדע פארזיכערונג פאר ארדנונג.

די ליבעראלע פראפעסארען מירצעדיואווארא און באגראנדיוקא האבען פארדאמט די פאגראמען אויף די אידען אין יאסי.

דער פיהרער פון דער ״אייזערנער וואך״ קארדעאנו, איז פארשריהען געווארען ווען ער האט געוואלט רעדען.

בוקארעסט, מערץ, 27, (איטא).

דער ניעמיראווער האט פראטעסטירט אין סענאט געגען דעם פאגראם אין יאסי, דערקלעהרענדיג, אז דאס פארשמוצט רומעניע׳ס נאמען.

רבי זאנענפעלד נפטר געווארען

ירושלים, מערץ, 27.

רבי חיים זאנענפעלד, דער וועלט-בארימטער פיהרער פון די ״אגודת-ישראל״ אין ארץ ישראל און איינער פון די אנגעזעהענסטע פערזענליכקייטען אין דער חסידישער וועלט, איז דא היינט נפטר געווארען אין עלטער פון 85 יאהר.

איבער 10 טויזענט אידען פון איבער׳ן גאנצען לאנד האבען זיך באטייליגט אין זיין לויה, וועלכע איז היינט נאכמיטאג פארגעקומען.

נאך דער לאנגער טריקעניש וועלכע האט שטארק באאומרוהיגט די איינוואוינער פון פאלעסטינע, איז דער ערשטער רעגען היינט געקומען.

די קריסטען זעהען אין דעם א נס פון ״איסטער״.

פויליש-ענגלישע אידישע טוריסטען אין פאלעסטינע קריגען א גרויסען קבלת-פנים

ירושלים, מערץ 27, (איטא).

דער קבלת-פנים וואס די אידישע אגענטור האט צוגעגרייט פאר די פויליש-אידישע טוריסטען, וועלכע זענען אנגעקומען אהער אויף פסח ,איז פארוואנדעלט געווארען אין א גרויסער ציוניסטישער מאניפעסטאציע.

דער פארזיצענדער פארבשטיין און אלע אנדערע רעדנער האבען אויסגעדריקט זייער וועלקאמען צו די איצטיגע טוריסטען און האבען דערקלעהרט או דאס איז אן אנהויב פון א פינפטער ״עליה״.

געענטפערט אויף די באגריסונגען האבען זשמארק, דער פרעזידענט פון די גאליצישע ציוניסטען; לעווענפיש, פארטרעטענדיג אין ווארשע דעם פויליש-פאלעסטינער האנדעלס-קאמער, און וואנמאן, רעדאקטאר פון דער פויליש-אידישער ציטונג ״נאש פשעגלאד״.

זיי האבען באוואונדערט די וואונדערבארע אידישע דערגרייכונגען אין פאלעסטינע.

בעקערס אין ווארשא קריגען שווערע שטראף

ווארשא, מערץ, 27.

10 אידישע בעקער זענען דא פארמשפט געווארען צו לאנגע טורמע טערמינען, ווען עס האט זיך פארענדיגט זייער פראצעס אונטער דער קלאגע, אז זיי האבען טעראריזירט די באלעבאטים פון די בעקערייען.

דער פראצעס האט אנגעהאלטען צוויי וואכען און האט ארויסגערופען גרויסען אינטערעס אין אידישע קרייזען.

פאליסמאן דערשיסט אינגעל ארום קאלי[illegible] סטריט

N Y Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK N Y

אין א געיעג צווישען א[illegible] פיער אינגלאך איבער קאל[illegible]ט. סט. דזשארדזש און טריניטי [illegible]סקוועיר, האט דער 17 יאהריגער אלבערט האווארד פון 618 איי שאו סטריט, נעכטען פארלוירען זיין לעבען ווען דער פאליסמאן פיטער טהארנטאן האט איהם אריינגעשאסען א קויל און דורכגעלעכערט זיין לינקע לונג.

אין פינף מינוטען ארום נאכדעם ווי ער איז געבראכט געווארען אין סט. מייקעלס האספיטאל, איז ער שוין געווען טויט. דאס איז געווען 8 א זייגער מיט 10 מינוטען נעכטען אווענט.

אלבערט, צוזאמען מיט נאך דריי אינגלאך האבען גע׳גנב׳עט אן אויטאמאביל און האבען זיך ארויסגעלאזען איבער׳ן שטאדט. די אנדערע אינגלאך זענען ארטור טהאמסאן, 17 יאהר, טהאמאס [illegible]טעפפער, 18 יאהר און העראלד שלונסקי, 19 יאהר פון קיטשענער.

זיי זענען אלע געווען פון אן אויסבעסערונגס-אנשטאלט און זיי האבען ווייזט אויס פון דארטען זיך געקענט.

ווען דער פאליסמאן האט אנגעהויבען זיי נאכיאגען, האבען זיי זיך ניט אפגעשטעלט. נאר אנשטאט דעם האבען זיי געזוכט צו אנטלויפען. ער האט פריהער אויסגעשאסען אין דער הויך אלס א ווארנונג און ווען דאס האט ניט געהאלפען, האט ער געשאסען אויף זיי און געטראפען אלבערט׳ן.

טשעכאסלאוואקיע לייגט ארויף פארבאט אויף היטלעריזם

פראג, מערץ, 27, (איטא).

די רעגיערונג האט באשלאסען צו ערקלעהרען אלס אומגעזעצליך אלע ״נאצי״ ארגאניזאציעס אין לאנד.

לויט דעם דאזיגען באשלוס וועט אויך פארבאטען ווערען צו טראגען דעם ״האקענקרייץ״ און אנדערע ״נאצי״ עמבלעמען. דער פארבאט וועט אריין אין קראפט נאך ״פאסכא״ (איסטער).

שיקאגא, מערץ, 27.

דער היטלעריסטישער אגענט אין אמעריקע, א דייטש-אמעריקאנער זשורנאליסט, וואלטער קאפע, וועלכער דינט דא אלס קארעספאנדענט פון די היטלעריסטישע צייטונגען אין דייטשלאנד, האט ערקלעהרט, אז אין שיקאגא איז געעפענט געווארען די צענטראלע ביורא פון זיין פארטיי און אין ניו-יארק און צעהן אנדערע שטעדט, זענען געעפענט געווארען אפטיילונגען.

יאפאן ציהט זיך צוריק

טאקיא, מערץ, 27.

עס איז שוין איצט פעסט באשטימט אז יאפאן וועט זיך אין גיכען צוריקציהען אלס מיטגליד פון דער פעלקער-ליגע ,אלס רעזולטאט איבער דער מאנדזשוריע פראגע.

מיניעוויטש און שאפירא פארהאלטען אויף [illegible] ערנסטע קלאגע

צוויי אידען, יצחק מיניעוויטש, א אידישער ציערונג הענדלער פון דעווענפארט עוועניו און שמואל שאפירא פון שיקאגא, געפינען זיך איצט אין די הענט פון דער פאליציי אויף עטליכע קלאגען.

די ערשטע קלאגע איז, אז מען האט געפונען ביי זיי רויהע שטיקער גאלד אין ווערט פון 2,000 דאלאר, וואס איז, לויט׳ן געזעץ פארבאטען צו האלטען, און די צווייטע קלאג׳ע איז געגען מיניעוויטש׳ן אז מען האט געפונען ביי איהם א געלאדענעם רעוואלווער. מען האט אויך געפונען ביי זיי ״סקעילס״ (וואגען).

דער ארעסט איז געמאכט געווארען אויף דאנדאס סטריט וועסט, בעת ביידע אידען זענען געווען גרייט צו אריינצוזעצען זיך אין אן אויטאמאביל.

יהודה ליב פיין ע״ה

פון 275 קראפארד סטריט איז געשטארבען שבת 5 א זייגער נאכמיטאג אין עלטער פון 58 יאהר.

די לויה וועט פארקומען היינט, מאנטאג, 3.30 נאכמיטאג פון דעם פארשטארבענעמ׳ס לעצטער וואוינונג.

דער פארשטארבענער לאזט איבער דריי זיהן און צוויי טעכטער.

אלע מעמבערס פון דער יוניווערסיטי עוועניו שוהל און באקאנטע זענען געבעטען צו קומען צו דער לויה אפצוגעבען דעם פארשטארבענעם דעם לעצטען כבוד.

☛ די נייע טעלעפאן נומערען פון „אידישען זשורנאל" זיינען: ערעלייד 7424 און ערעלייד 7425 ☚

אויפ'ן גליטשיגען וועג

א שפּאַנענדער ראָמאַן
פון אידישען לעבען
אויף דער זייט ים
געשריבען פון
פּראָפעסאָר פון
"אונטערוועלט"
מאַרק סאַרדעל
(נאַכדרוקען פאַרבאָטען.)

(פאָרזעצונג)

סאָניע פלעגט זוכען צו פאַרטרייבען די דאָזיגע געדאַנקען פון זיך, און זיך לאָזען וואוילגעהן מיט דעם פאַרגעניגען וואָס די מינוט האָט געבראַכט. בעסער, האָט זי זיך געזאָגט, ניט צו טראַכטען פון דעם וואָס עס וועט זיין שפּעטער.

און אין דעם איז געלעגען איהר טעות.

סאָניע האָט איבערגעלאָזט די אַרבייט וואָס זי האָט געהאַלטען אין די הענט און איז אַרונטער אין רעסעפּשאָן־צימער, וואו דער טעלעפאָן איז געשטאַנען. דער טאָג איז געווען א כמאַרנער און א שטילער, און דער פאַרוואָלקענטער הימעל, וואָס האָט אַריינגעקוקט דורכ'ן פענסטער, האָט איהר שווער געמאַכט אויפ'ן האַרצען. מיט א שווערען געמיטה האָט זי גענומען דעם טעלעפאָן אין דער האַנט.

— העלאָ — האָט זי געזאָגט מיט א שטיל קול.

— העלאָ — האָט זי דערהערט א שטימע דורכ'ן טעלעפאָן. די שטימע איז איהר פאַרגעקומען באַקאַנט. אָבער זי האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען וועמעס שטימע דאָס איז און ווער עס רעדט צו איהר.

— העלאָ — האָט ווידער גערעדט די שטימע דורכ'ן טעלעפאָן — דאָס ביזטו, סאָניע? סאָניעטשקע?

סאָניע... סאָניעטשקע?... ווער קען דאָס זיין וואָס רעדט צו איהר אַזוי ליבליך און פאַרציהט אַזוי איהר נאָמען?

— יאָ, דאָ בין איך... — האָט זי געענטפערט — ווער רעדט דאָס?

— וואָס, דו דערקענסט מיך ניט? — האָט געקלונגען די שטימע אין טעלעפאָן.

— אי עם סאָרי — האָט סאָניע געפונען פאַר נויטיג זיך צו אַנטשולדיגען. — די שטימע איז מיר באַקאַנט, אָבער איך קען ניט דערקענען ווער דאָס איז, ווער רעדט דאָס, פּליז?

— אָ, סאָניעטשקע! — האָט די שטימע אין טעלעפאָן געמאַכט א פאַרוואורף — דו דערקענסט שוין ניט דיינע אַלטע פריינט?

סאָניע האָט פּלוצלונג דערפיהלט ווי א וואַרעמקייט האָט איהר א שלאַג געטאָן איבער'ן פּנים. זי האָט געפיהלט ווי איהרע באַקען גיסען זיך אָן מיט בלוט און איהרע אויגען גיסען זיך אָן מיט פייער.

— אָ, מיין גאָט! — האָט זי אויסגערופען מיט א פּלוצלונגדיגער פרייד אין איהר שטימע — איז דאָס דו, דאָלי?

— דעטסראַיט... דאָלי... — האָט די שטימע געקלונגען אין טעלעפאָן — האָסט מיך דערקענט, האַ?

אויפ'ן ערשטען מאָמענט איז סאָניע געווען אַרומגעכאַפּט פון אַן אינערליכער פרייד. דאָלי... די ערשטע חבר'טע איהרע. אַזוי פיעל גוטע ערינערונגען זענען געווען פאַרבונדען מיט דאָלי'ס נאָמען... אָ, ווי זי וואָלט זי וועלען אַצינד זעהן... אָפּפרישען די אַלטע ערינערונגען... רעדען און לאַכען און דערצעהלען... ווי זי וואָלט געהאַט אַזוי פיעל איהר צו דערצעהלען, דאָלי'ן!... נאָר ניין, ניט אַלץ, וואָס זי האָט דורכגעלעבט וואָלט זי איהר געוואָלט דערצעהלען... דאָס האָט זי געפיהלט, דאַרף זי האַלטען פאַר זיך אַליין.

— וואָס־זשע מאַכסטו, סאָניע, סאָניעטשקע? — האָט דערווייל דאָלי גערעדט דורכ'ן טעלעפאָן.

— און דו וואָס מאַכסט, דאָלי? — האָט סאָניע צוריק געפרעגט.

— ווייסטו וועגען וואָס איך האָב דיך פּלוצלונג גערופען? — האָט דאָלי אין מיטען איבערגעריסען דעם שמועס.

— ניין, איך ווייס ניט — האָט סאָניע געזאָגט.

— דיין מאַמע האָט מיך געבעטען איך זאָל דיך רופען.

— מיין מאַמע? — האָט סאָניע זיך געוואונדערט.

— יאָ. זי האָט מיך געבעטען איך זאָל רעדען צו דיר.

— וואָ סאַיז פּלוצלונג?

— זי וויל דו זאָלסט קומען אַהיים!

— אַהיים? וואָ סאַיז פּלוצלונג? — האָט סאָניע זיך געוואונדערט און האָט געפיהלט ווי עפּעס האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען צו דריקען אין האַרצען.

— דיין פּאַפּאַ — האָט דאָלי געזאָגט אין טעלעפאָן — איז קראַנק.

— פּאַפּאַ? — האָט סאָניע איבערגעפרעגט מיט אַן אינערליכען שרעק, און דער טעלעפאָן איז שיעור אַרויסגעפאַלען פון איהרע הענט — וואָס איז מיט מיין פּאַפּאַ?

— שאַ, דאַרפסט זיך אַזוי ניט שרעקען — האָט דאָלי זי באַרוהיגט — ער וויל דיך זעהן.

— פּאַפּאַ? ער וויל מיך זעהן? — האָט סאָניע איבערגעחזרט אַזוי ווי אין א פאַרשלאָפענעם צושטאַנד — איך פאַרשטעה ניט.

זי האָט געוואוסט, אַז אין די לעצטע עטליכע וואָכען איז דער פאָטער עטליכע מאָל אַנידערגעפאַלען. אַז ער האָט געמוזט איבערלאָזען די אַרבייט און אַוועקגעהן פון שאָפּ אין מיטען טאָג. מען האָט גערופען א דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז עס איז איהם גאָר ניט, דעם פאָטער, ניט מעהר, ער איז אָפּגעשוואַכט, און דאָס האַרץ קלאַפּט ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. עס וואָלט געווען בעסער, האָט דער דאָקטאָר דאַמאָלסט געזאָגט, ווען ער וואָלט געקענט אויפגעבען די אַרבייט אויף א שטיקעל צייט. האָט דער פאָטער די ערשטע צייט געפאָלגט. האָט ניט געאַרבייט א שטיק זומער, ביז עס איז איהם בעסער געוואָרען, אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט זיך דערפיהלט אין כח, איז ער אַוועק צוריק אין שאָפּ.

דאָס אַלץ איז איצט סאָניע'ן דורכגעלאָפען דורכ'ן קאָפּ מיט דער שנעלקייט פון א בליץ. אָבער זי האָט ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס עס האָט פּאַסירט, וואָס מען רופט זי פּלוצלונג אַהיים.

— איז ער זעהר קראַנק? — האָט זי געפרעגט אין טעלעפאָן.

— וועל, איך ווייס ניט ווי קראַנק ער איז — האָט דאָלי געזאָגט — אָבער איך ווייס אַז מען האָט איהם אַהיים געבראַכט פון שאָפּ אין א טעקסי.

— אין א טעקסי? — האָט סאָניע איבערגעפרעגט נאָך מיט מעהר שרעק.

— יאָ, אין א טעקסי... — האָט דאָלי גערעדט אין טעלעפאָן מיט א פאַרזיכטיגען טאָן — אַלע שכנים האָבען דאָס געזעהן, האָב איך געטראַכט, איך וועל אַריינגעהן זעהן וואָס ער מאַכט... כאָטש דו ווייסט דאָך, דיין פּאַפּאַ האָט מיך ניט שטאַרק ליעב...

— אָ, דאָלי! — האָט סאָניע איהר איבערגעשלאָגען.

— יאָ, — האָט דאָלי פאָרטגעזעצט — בין איך אַריינגעגאַנגען.

— נו?... — האָט סאָניע געפרעגט.

— וואָס נו? — האָט דאָלי צוריקגעפרעגט.

— האָסטו געזעהן מיין פּאַפּאַ?

(ווייטערעס קומט)

היט אייער געזונט

פונקט ווי וויכטיג עס איז א גוטער דאָקטאָר, איז נאָך וויכטיגער, אַז די פּרעסקריפּשאַן וועלכע דער דאָקטאָר גיט זאָל ריכטיג געמאַכט ווערען פון א קאָמפּעטענטען דראַגיסט.

ראָטבאַרט'ס

דער ראַיעלער דראַגיסט.

טעלעפאָנירט אונז. מיר שיקען נאָך אייער פּרעסקריפּשאַן און דעליווערען, ניט אַכטענדיג אין וועלכען טייל פון שטאָדט איהר וואוינט.

מעסיגע פּרייזען.
שנעל, ראַיעל, פּינקטליך.

ראָטבאַרט'ס דראָג סטאָרס
קאָרנער דאַנדעס און אַגוסטאַ עוועניו. נייער טעלעפאָן:
6201 עדעלייד
676 קווין סט. וועסט. עדעלייד 2800

א ציוניסטישער רענעגאַט

(פאָרזעצונג פון פּיידזש 4

האָבען גוט באַלויכט דעם דאָזיגען באַגאַבטען ציוניסטישען רענעגאַט. אין יאָהר 1920 איז ער באַשטימט געוואָרען אַלס "נאַרקאָמזדראַוו" (פאָלקס קאָמיסאַר פאַר געזונדהייטסוועזען) פון אוקראַינע און האָט געהאַט זיין רעזידענץ אין כאַרקאָוו. זיין ציוניסטישען עבר האָט ער פון זיך אָפּגעטרייסעלט און צו זיינע פריהערדיגע חברים האָט ער געהאַט נאָר א געפיהל פון טיעפער שנאה. בעת מען האָט אַרעסטירט אין אוקראַינע א גרויסע גרופּע פון יונגע ציוניסטען און די טשעקאַ האָט זיי געדראָהעט מיט שווערע שטראָפען, האָבען זיך איינגע באַקאַנטע פון גורעוויטש'ן זיך צו איהם געווענדעט מיט דער בקשה צו אינטערווענירען לטובת די אַרעסטירטע. דער ענטפער איז געווען: "זאָל מען זיי שטעלען צו דער וואַנט" (אויף דעם באָלשעוויסטישען לשון הייסט דאָס "שיסען") איך וועל א פינגער ניט ריהרען כדי זיי צו ראַטעווען.

אין יאָהר 1921 האָט מען דעם נייגעבאַקענעם קאָמוניסט, צוליעב נאָך ביז היינט ניט אויפגעקלעהרטע סיבות, אַרויסגעוואָרפען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דעם אוקראַינישען סאָווגאַרקאָם. אין משך פון עטליכע יאָהרען האָט מען פון גורעוויטש'ן גאָרניט געהערט. אָבער ער האָט זיך ווידער אַרויפגעאַרבייט אויף אַן אַנדער געביעט, וואָס שפּיעלט אַן אַלץ מעהר ענטשיידענע ראָלע אין דעם סאָוויעטישען לעבען: אויף דעם ווירטשאַפטליכען געביט. ער איז געוואָרען א "כאָזייסטווענניק", געמאַכט א קאַריערע אין דעם פאָלקס קאָמיסאַריאַט פאַר אויסענהאַנדעל, און איצט פאַרנעהמט ער דעם הויכען פּאָסטען פון א סאָוויעטישען טאַרגפּרעד אין פראַנקרייך.

קיין גליק האָט ער דערוויילע אין פּאַריז ניט. ערשט מיט א פּאָר חדשים צוריק איז ער באַשטימט געוואָרען אויף זיין פּאָסטען, און שוין מיט עטליכע טעג צוריק איז ער צוזאַמען מיט דאָווגאַלעווסקין, געוואָרען א קרבן פון אַן אויטאָמאָביל־קאַטאַסטראָפע. ער האָט זיך געבראָכען א האַנד, און עס איז א סברא, אַז אַלס רעזולטאַט פון דעם שטאַרקען "שאָק" וואָס ער האָט באַקומען, וועט ער ווערען בלינד. דאָס וואָלט געווען א טראַגישער סוף פון דער קאַריערע פון א ציוניסטישען רענעגאַט.

(איטא)

אַקאַונטענט־בוקקיפּער

12 יאָהר עקספּיריענס, וועט פיהרען אייערע ביכער טייל־צייט, אָדער אָדיטען פאַר מעסיגע פּרייזען.

אינקאָם טעקס רעטורנס פיילד.

א. א. גאָלדענבערג
75 האַמוואָוד דרייוו
הילקרעסט 7604W.

יוניווערסאַל
50 סענט טעקסי

אַלע נייע 6 סילינדער סידאַנס. דער איינציגער ביליגסטער אידישער טעקסי קעב פּלאַץ. ספּעשעל פּרייזען פאַר חתונות און לויות. לאָמבאַרד 1155.

139-4-2)

מרס. דאָגלאַס

אַנאַנסירט, אַז פון יעצט אָן זענען די טשאַרדזשעס פאַר

טעלעגראַפירען געלט

קיין אייראָפּאַ און טאַרגסין אָרדערס קיין רוסלאַנד

בלויז 25 סענט

איהר האָט נאָך צייט צו שיקען הילף פאַר אייערע קרובים אין אייראָפּאַ אויף פּסח.

ROYAL TICKET OFFICE
153 קווין סטריט וועסט
טעלעפאָן עדעלייד 2047

חפץ'ס
"טאָרגסין"
אָרדערס אויף פּסח ווערן טעלעגראַפירט

צו וואָס שיקען טאָרגסין אָרדערס, ווען מיר טעלעגראַפירען עס פאַר 25 סענט? ביליגסטע פּרייזען אין שטאָדט.

חפץ'ס שיפס קאָנטאָר
דעליווערט מיט פולער גאַראַנטיע
פּסח'דיגע שפּייז פּעקלאַך
(מצה, מעהל, צוקער)
"טאָרגסין" פּעקלאַך, אויך דאָלאַרען איבעראַל טעלעגראַפיש בלויז 25 סענט
1000 צופרידענע קאַסטימער!
הונדערטער אונטערשריפטען!
קומט אָדער טעלעפאָנירט:
חפץ'ס שיפס קאָנטאָר
DOMINION TICKET OFFICE
143 QUEEN ST., WEST
ADELAIDE 5971

פּייפּערהענגינג און פּיינטינג

מיר דעקאָרייטען אייערע רומס פאַר 5 דאָלאַר און העכער מיט אונזער פּייפּער, אַרבייט גאַראַנטירט. טעלעפאָנירט גלייך לאַידבראָוק 2350.

138-4-2)

עלעקטריק קאָנטראַקטאָרס

לייטינג און מאַשינערי רעפּעירס. גוטע אַרבייט. טעלעפאָן טריניטי 7863.

131-4-1)

פּיינטינג, פּייפּער הענגינג

מיר דעקאָרייטען אייערע רומס פאַר 5 דאָלאַר א רום, מיט אונזערע פּייפּער. טעלעפאָנירט גלייך: — לאָמבאַרד 6951.

5 דאָלאַר 5 דאָלאַר
פּייפּערהענגער און פּיינטער

פאַר 5 דאָלאַר א רום פּייפּערען מיר אויס אייערע רומס מיט די לייטעסט דעזיין. אויך מאַכען מיר פּעינטינג קראַפטעקס בלענדינג ביליג. רופט גלייך אָפּ טעלעפאָן עדעלייד 0527. עסטימייטס פריי.

7777-4-16)

זעלטענער צופאַל פאַר א קאָנגרעגיישאָן

צוליעב דער יעצטיגער שלעכטער צייט און פערזענליכער פאַרצווייפעלטער לאַגע, איז איין העכסט געבילדעטער העברייאישער לעהרער, באַריהמטער פּעדאַגאָג אין אַלע מעטאָדען, טאַלאַנטפולער רעדנער אין ענגליש, אידיש, גוטער בע"ת בע"ק, געצוואונגען אָנצונעהמען א שטעלע פאַר א קליינער סאַלאַרי. — וויטקייט קיין מניעה.

שרייבט וואָס שנעלער: — "אידישער זשורנאַל" באָקס 164.

310-4-1)

חזן ב. זולאַדאַווסקי

סייענטיפיש געשולטער סוירדזשען
מוהל
— אויך —
מאָדערנע מסדר קדושין
סוירוויסעס אין ענגליש
עלטערען פון קינדער זאָלען דאָס נעהמען אין אַכטבעטראַכט, ווייל דאָס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער
קאַנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט ענטזאָגען צו קומען.
וואוינונג 62 בראַנזוויק עוועניו.
טעלעפאָן קינגסדייל 8832.
[illegible]

פּאַטראָנייזט די איינציגע אידישע ווינדאָו קלינינג קאָ.

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אַטענדען צו אַלערהאַנד הויז, פעקטאָרי, אָפיס און סטאָר קלינינג. בעסטע אַרבייט צו די ביליגסטע פּרייזען. מיר מאַכען קאָנטראַקטען מאָנאַטליך און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלעפאָן עדלייד 3087. נאָך 7 אָוונטען, טריניטי 6520־עם.

NEW YORK
WINDOW
CLEANING CO
422 BAY ST.

פאַרלאַנגט

אידישע גראַדואירטע נוירס נעהמט אָן אַלערליי קראַנקע אין זייער היים פאַר מעסיגע פּרייזען. טעל. מעלראָז 8355

478-3-29)

פאַרלאַנגט א מיידעל אָדער פרוי פאַר הויז אַרבייט. מוז קענען קאָכען ביי א קליינער פאַמיליע. פרעגען 316 קווין סט. וועסט.

458-3-28)

פאַרלאַנגט א מיידעל אָדער א פרוי פאַר הויז אַרבייט, מוז קענען קאָכען, ביי א קליינער פאַמיליע. וויידזשעס פון $30 ביז $40 א מאָנאַט. פרעגען 267 יאָנג סטריט.

457-3-28)

פאַרלאַנגט א מיידעל צו שטעהן אין א פרוכט סטאָר. מעג זיין א גרינע מיידעל אָבער מוז וויסען עפּעס וועגען ביזנעס. ווענדען זיך אין 70 קענזינגטאָן עוו. מר. סמיט.

471-3-28)

פאַרלאַנגט א מאַן צו מאַכען א בייקערי ראוט. פרעגען 671 קאָלעדזש סט.

483-3-28)

אַן אָנשטענדיגע מיידעל איז ווילינג צו טאָן אַלערליי הויז אַרבייט. מעג אויך זיין א פּלאַץ אין קאַנטרי, ביים מאָנאַט, 26 קעמעראָן סטריט. ווייווערלי 4490.

481-3-29)

פעהיגער יונגערמאַן, סינגעל, האָט אַן אייגענע קאַר, זוכט באַשעפטיגונג, עקספּיריענסד אין לאָנדרי ראוט. בעסטע רעפערענס. טעלעפאָן טריניטי 9140, מר. זוסמאַן.

511)

צו פאַרענטען

צו פאַרענטען א 5 רומיגען אַפּאַרטמענט, אַלע באַקוועמליכקייטען. $35 א מאָנאַט. מעלראָז 7330. אָוונטען הילקרעסט 8444, אָדער הילקרעסט 0494.

439-3-28)

צו פאַרענטען א סטאָר מיט א וואוינונג אין 204 באָלדווין סטריט. זיך ווענדען צו מר. באַרינסקי, 10 גלען־מאָריס סטריט. קינגסדייל 0714.

444-3-28)

צו פאַרענטען. $30, 5 רומיגען לאָוער דופּלעקס, ניי דעקאָרירט, האַרדוואָוד פלאָרס, אַלע קאָנוויניענס, בעק און פראָנט וועראַנדעס, וואַש טאָבס, ראוד היטער, בליינדס ,עלעקטריק פיקסטשורס. פרעגען 99 נעסאָו סטריט. קענוואָוד 2781.

476-3-28)

צו פאַרענטען א 3 רומיגען פלעט מיט אַלע קאָנוויניענס, האַרדוואָוד פלאָרס, רענט ריזאָנייבעל. 130 בראַנזוויק עוו.

486-2-28)

צו פאַרענטען 2 שעהנע רומס מיט אַלע מאָדערנע קאָנוויניענס, האַרדוואָוד פלאָרס און קאָבערטס אויף 180 גרייס סט. פרעגען 188 גרייס סט.

473-3-28)

צו פאַרענטען א שעהנעם פלעט פון 4 רומס אין א נייער מאָדערנער היים מיט אַלע מאָדערנע קאָנוויניענס, טיילד באַדרום. 37 נעסאָו סטריט.

454-3-28)

צו פאַרענטען אָדער פאַרקויפען 9 רומיגע הויז, סטים היט, 2 גאַראַדזשעס. מעלראָז 3253.

435-3-39)

קאַנגאַ
מעדיצינען

ליידט איהר פון עקזימאַ, הויט־קראַנקהייט, דאַן נוצט דעם וואונדערבאַרען זאַלב קאַנגאַ־סעוו. ליידט איהר פון רהומאַטיזם, שטייפע גליעדער, רייבט זיך איין מיט קאַנגאַ ליניטמענט. צו באַקומען ביי סינגער ברידער (דראָגיסטען) 26 קווין א. טעלעפאָן עלגין 7512. מיר דעליווערען און שיקען ביי מעיל, אָלס פריי.

SINGER BROS.
DRUGGISTS
26 QUEEN ST. EAST
TEL. ELGIN 7512

ליידט איר פון א בּרוך?
(ראַפּטשורד)

א גוטער טראַס און גוט צוגעפּאַסט, באַקומט איהר נאָר ביי די סינגער ברידער, זיי זיינען די איינציגע אידישע אַגענטען פון די גרעסטע טראַס קאָמפּ.

ביזנעסמאַן... אַרבעטער... הויזפרוי
אָפיס אָנגעשטעלטע... בעלי־בתים

דאַרפט איהר בעטען די, וואָס קומען אַריין צו אייך אין סטאָר זיי זאָלען דערצעהלען זייערע באַקאַנטע, אַז ביי אייך באַקומט מען...?

דאַרפט איהר געהן פון פעקטאָרי צו פעקטאָרי, און פון טיר צו טיר פרעגען אפשר דאַרף מען...?

דאַרפט איהר זיך פאַרלאָזען אויף פריינט און באַקאַנטע, אַז אויב זיי וועלען באַגעגענען אימיצען, וואָס זוכט — וואָס וויל — וואָס האַלט ביי....

דאַרפט איהר עפּעס — זוכט איהר עפּעס — פעהלט אייך עפּעס — גוטע קאַסטימער — אַרבייט — א פּלאַץ, וואו מען קריגט עס ביליגער — בעסערע סחורה — אפשר א גוטען בעל מלאכה — ווילט איהר א הויז פאַרענטען — א הויז רענטען — קויפען — פאַרקויפען?

אַן אַדווערטייזמענט אין "אידישען זשורנאַל" וועט עס אייך געבען מיט ווייניגער מיה און צו זעהר קליינעם קאָסט. באַזונדערס אונזערע קלאַסיפיצירטע אַדווערטייזמענטס קאָסטען ווייניג און ברענגען רעזולטאַטען.

אַדווערטייזט אין „אידישען זשורנאַל"

TORONTO HEBREW JOURNAL
542 DUNDAS WEST
PHONE: ADELAIDE 7424-7425

נייעס ביי אונז אין שטאדט

5000 דעלעגאטען צו קאנווענשאן פון אנטאריא עדיוקיישאנעל אסאסיאיישאן

מארגען דערעפענט זיך אין דער יוניווערסיטי אף טאראנטא די קאנווענשאן פון דער אנטאריאר עדיוקיישאנעל אסאסיאיישאן. צו דער קאנווענשאן קומען זיך צונויף ביז 5000 דעלעגאטען, וועלכע וועלען פארטרעטען יעדען טייל פון דער בילדונגס טעטיגקייט אין אנטאריא, און באשטייען פון לערער, טראסטים פון בילדונגס אינסטיטוציעס און שטייער צאלער.

צווישען די וואס וועלען אדרעסירען די קאנווענשאן זיינען סער ראבערט פאלקאנער, געוועזענער פרינציפאל פון טאראנטאר אוניווערזיטעט, און סער דזשאן עדענס, עמעריטוס פראפעסאר פון בילדונג אין דער אוניווערזיטעט פון לאנדאן, ענגלאנד.

דר. דזש. ה. פולען, פון אטאווא, וועט זיין פארזיצער ביי די עפענטליכע זיצונגען.

חתנ'ס טויט טרייבט איר צו זעלבסטמארד, מאנטעל ראטעוועט איר

זינט איר חתן איז מיט עטליכע מאנאטען צוריק געשטארבען, איז מיס איירין לאולאר, 22 יאר אלט, פון קוויבעק עוועניו, ארומגעגאנגען א מרה שחורה'דיגע און פארזארגטע.

שבת האט זי באשלאסען צו באגיין זעלבסטמארד און זי האט זיך אראפגעווארפען פון בריק איבער דאום ראוד.

צוויי פארבייגייער האבען זי געטראפען ליגענדיג אויף דער ערד און האבען איר אפגעפירט אין טאראנטאר דזשענעראל האספיטאל. דאס עקזאמינירען איר האט ארויסגעוויזען, אז ווי דורך א נס איז זי געבליבען לעבען. געראטעוועט האט זי דער גראבער מאנטעל, וואס זי האט געטראגען.

זי האט זיך גוט צעקלאפט, אבער איז אפגעקומען אן וואונדען.

ארבעטער פארליערט האנט אין קנעט מאשין

די לינקע האנט פון דאן פעטערסאן, 28 יאר אלט, פון 17 פערמאונט קרעסענט, איז פארכאפט געווארען פון א קנעט מאשין אין בראונ'ס בעקעריי, און איז געבליבען פארקוועטשט צווישען די וואלצען פאר 20 מינוט צייט, ביז פאליציי, אנגעשטעלטע פון דער בעקעריי און א דאקטאר האבען באוויזען אים צו באפרייען.

פעטערסאן איז אין א באוואוסטלאזען צושטאנד מיט א שרעקליך צעקאליעטשעטען ארעם אפגעפירט געווארען אין איסט דזשענעראל האספיטאל, וואו מען האט אויסגעדריקט א מורא, אז עס וועט אונמעגליך זיין צו ראטעווען זיין האנט.

פעטערסאן האט געהאלטען אין ארייינלייגען טייג אין דער מאשין, ווען צוליב מאמענטאלען פארשוואכט ווערען, האט ער געלאזט זיין האנט זאל מיט'ן טייג אריינגעצויגען ווערען אין דער קנעט מאשין. אויף זיינע געשרייען האט אן אנגעשטעלטער באלד אפגעשטעלט די מאשין אבער ער האט ניט געקענט באפרייען דעם אומגליקליכען.

א מעכאניק איז ארויסגערופען געווארען און ביז מען האט אים באפרייט האט א דאקטאר געגעבען דעם אומגליקליכען אן אנעסטעטיק (שלאף מיטעל) ער זאל ניט פילען דערהוויל זיינע שרעקליכע ווייטיגען.

די האנט, גלויבט מען, איז א פארלארענע, ער אבער וועט בלייבען לעבען.

צוויי ארעסטירט פאר שלאגען פאליסמאן, וועלכער וויל ארעסטירען זייער פריינט

צוויי פערזאן זיינען ארעסטירט געווארען פאר שטערען א פאליסמאן צו ארעסטירען אן אונפארזיכטיגען דרייווער.

די ארעסטירטע זיינען ראבערט וועטערביי פון סט. ניקאלאס סטריט, און ללאיד קעמפבעל פון זעלבען אדרעס, וועלכע האבען זיך געפונען אין א קאר, וואס איז געטריבען געווארען פון דזשאזעף פירסאן, פון 95 וואודסט.

א פאליסמאן האט אפגעשטעלט פירסאנ'ען און אים געוואלט פארהאלטען פאר אונפארזיכטיגען פארען, זיינען די צוויי אים באפאלען, געשלאגען און אלע דריי זיינען אנטלאפען. דער פאליסמאן האט אבער שוין געהאט ארויפגענומען דעם לייסענס נומער פון קאר, און אלע דריי זיינען שפעטער ארעסטירט געווארען אין זייערע וואוינונגען.

ווען א דעטעקטיוו ווארפט אן אויג אויף א בלאנדער שיינהייט

אפילו ערנסט געשטימטע געהיים אגענטען ווילען נישט דורכלאזען קיין בלאנדע שעהנהייט אין נאס אן אפצושטעלען זיך צו באטראכטען און באוואונדערן איר. אז "מענער געפעלען בלאנדע" איז דאך ניט שייך.

איז קיין וואונדער נישט, וואס צוויי דעטעקטיווס האבען זיך אפגעשטעלט באטראכטען א פלאטינום בלאנדע שעהנהייט וואס איז געשטאנען אויפן ראג דאנדעס און בעי סטריט מיט רויט געפארבטע בעקעלאך און נאך רויטערע ליפלאך.

ווען דאס מיידל האט באמערקט די 2 ווי זיי קוקען אויף איר, איז זי נאטירליך נערוועז געווארען און האט זיך געלאזט שפאנען אוועק פון זיי. די דעטעקטיווס נאך איר, האבען איר אנגעזאגט און, א חרפה צו דערציילען, האבען איר אפגעשטעלט און פארפירט א שמועס, וואס פאסט גאר נישט פאר היטער פון מאראל און ארדנונג.

— גייסט ערגעץ?

און א זיסער יונגער פרויען קול ענטפערט: — ניין, סתם אזוי. וואס איז דען?

— ווילסט זיך אפשר מטריח זיין צוגיין מיט אונז אין פאלים סטיישאן? עס איז נישט ווייט.

אין פאלים סטיישאן האט איינער פון די דעטעקטיווס א שטעל געטאן דער בלאנדינקע זייער נישט קיין שיינע פראגע:

— ענוועי, — מאכט ער, — ביסט א מאן אדער א פרוי?

און דאס מיידל האט זיך נעבעך גלייך מודה געווען אז זי — ער איז קיט מעקלין, 19 יאר אלט, א סטודענט פון קווינס אוניווערזיטעט אין קינגסטאן, א זון פון א דאקטאר אין רעדזשיינע, און אז ער האט זיך געוועט מיט זיינע חברים אז ער וועט אין פרויען קליידער קומען און ארומגיין אין טאראנטא און קיינער וועט זיך נישט כאפען.

ער האט נאך געהאט די חוצפה צוקומען אין דער הויז פון יאנג וויִמענ'ס אסאסיאיישאן צו דינגען דארט א צימער. גראד איז דארט קיין פרייער פלאץ נישט געווען, איז ער אוועק אין פארד האטעל און זיין צימער אין האטעל, וואו ער האט זיך רעגיסטרירט אלס מיס קעי מעקלין, האט מען געפונען פרויען קליידער און מכשרים פון אונטערוועש ביז פאפיום. פון מענער קליידער האט ער געהאט איין פאר הויזען און אן אלט רעקעל און 3 דאלאר מזומן.

זיין געוועט האט ער פארשפילט. מען האט אים יא געכאפט און ארעסטירט אויף א קלאגע פון "וואגרענסי".

KELVINATOR

עלעקטריק רעפרידזשירייטאן

דאס פיינסטע ווערט צו באקומען־אבסאלוט!

קען מען יעצט באקומען פאר אזוי ווייניג ווי

$10 איינצאלען

און דעם באלאנס צו 25 סענט א טאג

פאר 30 מאנאטען אויסצוצאהלען

קענט איהר אייך פארגינען צו זיין אהן עלעקטריק רעפרידזשירייטאן, וואס היט אפ אייער געזונט און שפייז.



פרידזשידיירס
פאר מילך־ סטארס, בוטשערס און רעסטאראנס.

מיר גיבען א ליבעראלען עלאונס פאר אייער אלטען אייז אדער עלעקטריק רעפרידזשירייטאר. פארוואס זאלט איהר פארשווענדען געלט אויף אייז, ווען איהר האט אזא מעגליכקייט.

טעלעפאנירט אדער קומט נאך גענויע פארטיקולארס.

ELECTROCHEF

שנעלסטע עלעקטרישע רענדזשעס

"פאקוסד היט", א נייע אנטוויקלונג אין באהייצונג עלעמענט, האט פארשנעלערט דאס עלעקטריש קאכען. די היץ שלאגט זיך אפ און קאנצענטרירט זיך אויף די כלים, אין וועלכע עס ווערט געקאכט. קאכען נעהמט בלויז א העלפט צייט.

די אויוועז דערהיצט זיך ביז 400° אין ווייניגער ווי א העלפט פון דער געוועהנליכער צייט. עס איז דער שנעלסטער היים אויוועז אין דער וועלט. קומט אריין און זעהט דעם רענדזש און לאמיר אייך דערקלערען פועלע מעלות.

מיר אינסטאלירען אייך גילבערט און באקסטער איל ברענער און אויטאמאטישע קוילען בלאוער אויף לייכטע באדינגונגען.

דזש. קלמן גארפינקעל

11 טעמפערענס סטריט — רעפרעזענטאטיוו

טעלעפאן: מידוויי 1227, עדעלייד 6435

אויך יעדען אווענט פון 7 ביז 9 אויסער פרייטאג

באקוועמליכקייט, ריינקייט און שעהנקייט





אין דעם ערשטען אידישען מארקעט, וואס ווערט געבויט אויף ספעדיינע עוועניו פון די געלער בראדערס.

מייקעל געלער, איינער פון די אייגענטימער און מענעדזשער פון "ספעדיינע מארקעט ארקייד".

דער ספעדיינע מארקעט ארקייד, וואס ווערט געבויט אויפ'ן פלאץ פון געוועזענעם גאראדזש פון די געלער בראדערס אויף ספעדיינע עוועניו, איז שוין האלב פארטיג און גאר אין גיכען וועט ער געעפענט ווערען פאר ביזנעס.

עס איז קיין וואונדער ניט, וואס דאס מענעדזשמענט פון מארקעט איז פארווארפען געווארען מיט אפערס צו פארענטען פלאץ. דער מארקעט וועט זיך אויסצייכענען נישט בלויז מיט דער באקוועמליכקייט פאר'ן פארקויפער און קויפער, נאר אויך מיט זיין סאניטארישקייט און זיין שעהנעם עלעגאנטען אויסזעהן, סיי פון אינווייניג, סיי פון דרויסען.

ווי מיר הערען, ווערען שוין מעהר ניט אנגענומען קיינע אפליקאציעס פאר פלאץ צו פארקויפען פרוכט און גרינס, כאטש עס איז נאך פאראן א באגרעניצטע מעגליכקייט צו פארענטען פלאץ פאר אנדערע פראדוקטען.

די בייגעלייגטע בילדער גיבען א פארשטעלונג ווי דער מארקעט וועט אויסזעהן פון דרויסען און פון אינווייניג, ווען ער וועט זיין פאלשטענדיג פארענדיגט.

וואו אהין קען מען היינט מאכען געשעפטען?

ז. האבער

(צוזאמענגעשטעלט ביים לייפציגער ריד, פון אונזער שליח מיוחד)

די לייפציגער מעסע וועלכע איז נאר וואס אפגעהאלטען געווארען, האט ארויסגעגעבען א באריכט וואו אהין די אויסשטעלערס קענען מאכען געשעפטען און אין וועלכע לענדער מען קען פארקויפען ניט קוקענדיג אויף די פארשיידענע שוועריגקייטען, וועלכע זיינען איצט פאראנען.

עס לוינט זיך איבער דעם באריכט צו שרייבען.

אויף דער גאנצער וועלט זיינען דא בלויז דריי לענדער, וועלכע האבען אין דער לעצטער צייט ניט געמאכט קיין שום שוועריגקייטען הן מכח פרעמדע וואלוטען הן מכח צאהל. דאס איז א: אלבאניע אין אייראפא, פערו און פאראגוויי אין צפון אמעריקע. אין אלע אנדערע לענדער איז פאראן א האקען...

קיין בעלגיע און קיין לוקסענבורג לאזט מען ניט אריין קיין סחורות אוים ביינוויל, סאמעט אדער פלוש.

קיין בולגאריע קען מען ניט ברענגען קיין אויל, טעקסטיל, מינעראלען און פארבען. נאכדעם ווי די סחורה קומט אריין אין לאנד קען מען פארלאנגען די רעגירונג זאל צוטיילען וואלויטען צו באצאהלען די סחורה. די צוטיילונג דויערט לכל הפחות דריי חדשים. צום גרעסטען טייל ווערט עס ניט באוויליגט.

קיין דייטשלאנד, עסטרייך און דענעמארק קען מען אריינברענגען אלעס, אבער וואלוטען ווערען פון דער נאציאנאל באנק נאר זעהר זעלטען באוויליגט.

קיין עסטלאנד און פינלאנד קען מען ניט אריינברענגען: לעדערווארען, עלעקטרישע ארטיקלען, זיידענצייג, וואל טעקסטיל, טעפיכע, שפיצען און צירונג.

צו באציהען סחורה פון אויסלאנד מוז מען האבען א באוויליגונג פון דער נאציאנאלבאנק.

קיין פראנקרייך טאר מען ניט ברענגען: שפילערייען, ראדיא־אפאראטען, מאשינען, הויז און קיך געשיר, האלץ, ווערקצייג, קופער, לעדער און גלאז.

אויף שיך און עלעקטרישע ארטיקלען איז זעהר א הויכער צאהל.

גריכענלאנד: אריינברענגען קען מען אלעס, נאר צאהלען מעג מען נאר מיט גריכיש געלט.

ענגלאנד: דער פארבאט פון וואלוטען איז אויפגעהויבען. א גאנץ הויכער צאהל איז אויף פארצעלאן, גלאז, לאמפען מעבעל, שטאל, ראדיא טעקסטיל, שרייבמאשינען, לינעלעאום, פאפיר, קאסמעטישע ארטיקלען און פאטאגראפישע אפאראטען.

דער צאהל איז שטארק געהעכערט געווארען, באזונדערס אויף: ראדיא און פילמען.

קיין פרעמדע וואלוטען באקומט מען ניט. דאס גלייכען איז ניט צו באקומען קיין פרעמדע וואלוטען אין יוגאסלאוויע און אין פארטוגאל וואו מען קען אבער אריינפיהרען אלעם אהן א הויכען צאהל.

אין לעטלאנד באקומט מען ניט קיין וואלוטען און א באזונדערע אימפארט קאמיסיע באשטימט די נויטווענדיגקייט אריינצופיהרען סחורות פון אויסלאנד.

אין ליטוויען איז דער צאהל געהעכערט געווארען ביז הונדערט פראצענט.

אין האלאנד איז באשרענקט דער אריינפיהר פון שיך און אלערליי טעקסטיל. אין נארוועגען, איז געהעכערט דער צאהל מיט 20 פראצענט. צאהלען קען מען נאר מיט דארטיגע געלד.

דאס זעלבע איז בנוגע וואלוטען אין שוועדען, וואו עס איז פאראן נאר א הויכער צאהל אויף: פילמען, קאסמעטישע ארטיקלען, פאפיר, בילדער, זייגערס, קלאווירען גראמאפאנען, שפילערייען, ראדיא און אויטאס.

אין רומעניע איז געהעכערט דער צאהל אויף פאפיר. קיין וואלוטע שוועריגקייט עקזיסטירט ניט.

אויך אין פוילען זיינען ניט פאראנען קיין וואלוטא שוועריגקייטען אבער עס איז שטארק געהעכערט געווארען דער צאל אויף: ראדיא, מאשינען, פאפיר, וואקסטוך, דרוקזאכען, ביכער און בילדער.

ווייטער קען מען אהין ניט אריינפיהרען קיין: שיך, חענטשקעס, דראט, טעפעריי, עלעקטרא־טעכנישע ארטיקלען, ביציקלען, פאפיר, טעקסטיל און ווערקציינגען.

אין דער שווייץ מוז מען האבען א באוויליגונג אריינצופיהרען: האלץ מעבעל. לוקסוס ארטיקלען, טעקסטיל און מאטארען.

אין שפאניע, אונגארן, טשעכאסלאקי און טערקיי באנויטיגט מען ספעציעלע ערלויבענישען פון דער רעגיערונג כדי אום מען זאל קענען אריינברענגען אויסענדישע סחורות. פיעל ארטיקלען קען מען בכלל ניט אריינברענגען און אויף פיעל ארטיקלען איז דער צאהל שטארק געהעכערט געווארען. אויך די באוויליגונג אויף צו באצאהלען די אריינגעפיהרטע סחורות, באקומט מען נאר ווען די רעגיערונג האט פריהער געגעבען די באוואליגונג די ארטיקלען אריינצוברענגען.

באזונדערע שוועריגקייטען ווערען געמאכט אויך אין אלע ניט אייראפאישע לענדער. אומעטום איז געהעכערט געווארען דער צאהל מיט 15 ביז 20 פראצענט און די רעגיערונגען פון צפון און דרום אמעריקע, ווי אויך פון אפריקע גיבען ניט קיין באוויליגונגען צו צאהלען אין פרעמדער וואלוטע. אזוי למשל קען מען קיין ארץ ישראל ניט אריינברענגען קיין זויהלענלעדער, זייד און קונסטזייד, ווייל דער צאהל איז אוצט דערויף אזוי הויך, אז עס לוינט זיך ניט עס אריינצופיהרען.

אין אלע לענדער פון דער וועלט איז די גאלד־וועהרונג אפגעשאפט געווארען.

ליידים העטס 59ס.

זעהט די סייווינגס!

מענער העטס 59ס.

מענער סוטס
און אויבערמאנטלען
דריי קלינד און געפרעסט

59ס.

זיידענע דרעסעס
פלעין, פענסי אדער פליטעד
89 סענט

ליידים קאוטס
איינשליסענדיג פאר געטרימטע
79 סענט

MAJESTIC CLEANERS — VETERAN CLEANERS

הילקרעסט 1333—1334

טעלעפאנירט אירגענד וועלכען נומער

האדסאן 6891—7734

פ ר י י גענומען און דעליווערט אין יעדען טייל פון שטאדט

א „קלאפער" ביי א פעדלער

פון ישראל פלאטנער.

א "קלאפער" בין איך,
געה פון טיר צו טיר,
מיט שפאט באגעגענט מען מיך,
מ'בייזערט זיך אויף מיר.

איך "רינג די בעל"
ביי יעדער הויז,
ביז עפעס א געשטעל
קומט צו מיר "ארויס"...

און באלד די טיר פארקלאפט,
דער כעס אין איהר זידט,
זי שרייט: "שאראפ!"
און איך: "מעיבי יו ניד?"...

נעהם איך מיין פעקעל און געה
ווייטער צו אן אנדער טיר,
"נאטינג טו דעי",
ענטפערט מען מיר,

באגעגענט מיך א הונט
וויל פון גאר ניט וויסען,
צו מיין פעקעל געשווינד,
און די קורטענס צוריסען.

געשעהט אבער א נס,
פאר פרייד אזש איך טאנץ,
וואס כאטש די ביליגע דרעס
איז מיר געבליבען גאנץ.

— נו, געמאכט היינט א סייל?
ענטפער איך: — געוויס!
אבער געט דערצעהל,
אז אהן קעש און אהן א ליס.

— קיין געלט האב איך נישט באקומען,
שטאמעל איך קוים ארויס,
— און קיין אדרעס נישט גענומען,
ווייל וואו האט א הונט א הויז?

הרב מאיר צבי לעווי

וואוינונג איז איצט

362 פאלמערסטאן
בולווארד

דאונסטערז, צווישען קאלעדזש און אלסטער.

טרינעטי 3139

די הויז איז אפען פאר יעדען צו ענטפערען אלע רבנישע ענינים.

קיעווער'ס

גרויסער פוירניטשור סייל

עס איז געבליבען

בלויז א קורצע צייט צו פסח

נוצט דערפאר אוים די געלעגענהייט צו געניסען פון די נידעריגע פרייזען אויף די שעהנסטע 1932 פארניטשור

טשעסטערפילד סעטס, דיינינג רום סעטס, בעדרום סעטס

קיטשען סעט — רעגולאר $95.00 — — — $69 און העכער.

ברעקפעסט סעט — רעגולאר $60.00 — — $39 און העכער.

געדענקט! עס אז די איינציגע סטאר, וואס גיט אייך הייקלעם פארניטשור צו אזעלכע בארגיין פרייזען.

עס איז דא בלויז איין קיעווער סטאר

קיעווער פארניטשור קא.

452 ספעדיינע טעלעפאן טריניטי 0706

אפען אין אווענט. — קיינע בראנטשעס.

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
Published by
JOURNAL PUBLICATIONS OF TORONTO, LIMITED
542 DUNDAS ST. WEST Telephones: ADelaide 7424-7425
NATHAN FRIEDLAND, President.
Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto, January 22nd, 1913.
ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO, ONT. 25

די אמת-שולדיגע זענען די אגיטאטארן

א פרישער פאגראם אויף אידען. דאס מאל איז עס ניט אין פוילען, נאר אין רומעניע.

די קוזיסטישע סטודענטען האבען זיך מתקנא געווען אין די פוילישע ענדעקעס און האבען ניט געוואלט בלייבען הינטערשטעליג.

און וועלכען עס איז ביישפיעל, דארף מען די קוזיסטישע סטודענטען ניט לערנען ווי אזוי צו מאכען פאגראמען אויף אידען. זיי האבען עס ניט איין מאל פריהער באוויזען, פונקט ווי לעצטען דאנערשטאג אין יאסי, בוקארעסט, און אנדערע שטעדט וואו אידען געפינען זיך.

עס איז אפשר זעהר מעגליך, אז די רומענישע פאליציי האט דאס מאל געזוכט צו פארמיידען א פאגראם און ניט צו דערלאזען צו קיין בלוט-פארגיסונג. דאס איז דאך אבער ניט מער ווי א ביטערער שפאס.

אין דעם לאנד, וואו מען האט יארען לאנג דערלויבט א גיפטיגע אנטי-סעמיטישע אגיטאציע אפילו פון דער פארלאמענט טריבונע, דארטען וואו אנטיסעמיטיזם איז א "נאטירליכע" דערשיינונג, דארטען קען דאך ניט זיין קיין פראגע פון פאליציי.

קען מען דעם ים פארשפארען?

אן קיין שום שטערונג האט די רומענישע רעגיערונג געלאזען דעם אנטיסעמיטיזם זיך אונגעשטערט אנטוויקלען. פאקטיש האט זי דערצו געהאלפען. ערשט מיט עטליכע יאר צוריק אין דער צייט פון די אגרער אונרוהען האט זיך דאך די רומענישע רעגיערונג זיך געזוכט צו שיצען מיט דעם, וואס די שולד פאר'ן שרעקליכען קריזיס אין לאנד איז געווארפען געווארען אויף אידען.

האט דאך די רומענישע רעגיערונג ניט געשטערט קוזא'ס פראגראם אין דער צייט פון די וואלען, ווען ער האט פראקלאמירט אז די אידישע פארמעגענס דארפען קאנפיסקירט ווערען. די אידען דארף מען ארויסטרייבען פון לאנד און זייערע פארמעגענס צוטיילען צווישען די ארימע פויערים.

וואס האט די רומענישע רעגיערונג דערווארט פון אזא אגיטאציע, פון אויפהעצען איין טייל פון דער באפעלקערונג געגען דער צווייטער?

קענען מיר גלויבען אז פאליציי און זשאנדארמעריע האבען געזוכט צו באשיצען דעם אידישען קווארטאל אין יאסי, וועלכען די קוזיסטען זענען באפאלען ווי בלוט-דורשטיגע חיות. מיר גלויבען אבער אויך, אז עס איז ניט געווען פאר'ן כוח פון דער פאליציי.

די זעלבע פאליציי האט דאך מיט א קנאפען יאר צוריק גלייכגילטיג צוגעקוקט ווי קוזיסטען האבען געמארדעט אידען, געראובט זייער האב און גוטס אין ארדעמארא, בארצלאווא און אנדערע שטעדט. וועלכען רעספעקט האבען די סטודענטען געקענט האבען פאר איר אין יאסי?

די רומענישע רעגיערונג איז פונקט אזוי פיעל שולדיג אין דער יאסי'ער בלוט-פארגיסונג וויפיעל די קוזיסטען. זי איז אויך שולדיג אין דעם, וואס דעפוטאט ראבו, דער אנטיסעמיט, האט זיך געווארפען שלאגען דעם אידישען דעפוטאט אין פארלאמענט, ווען ער האט פראטעסטירט געגען די פאגראמען.

שולדיג איז ניט דער פאגראמשטשיק אין גאס. שולדיג זענען די, וועלכע דערלאזען און העצען דעם אנטיסעמיטיזם זיך פארשפרייטען.

ווען מען בארעכטיגט דיסקרימינאציע

זייט אין דער אנטאריאר לעגיסלאטור איז אנגענומען געווארען די רעקאמענדאציע פון דער "ליגעל בילס קאמיטע", אויסצובעסערען די געזעצען פון אינשורענס אקט, דורך אן "אמענדמענט", אז דיסקרימינאציע אויפ'ן גרונט פון ראסע אדער רעליגיע איז א פארברעכען, האבען אלע טאראנטאר ניט-אידישע צייטונגען קאמענטירט וועגען דעם.

ווי באקאנט איז דער "אמענדמענט" אנגענומען געווארען א דאנק דעם, וואס אין דער לעגיסלאטור איז ארויסגעבראכט געווארען, אז די אינשורענס קאמפאניעס אין אנטאריא דיסקרימינירען אפען געגען די אידען. אפליקאציעס פון קאמפאניעס זענען צוגעשטעלט געווארען, אין וועלכע עס ווערט אויסדריקליך געזאגט, אז "אידען און נעגערס" דארפען אפילו זיך ניט מטריח זיין צו פארלאנגען פארזיכערונג.

די קאמענטארען פון די צייטונגען וועגען דעם זענען געווען פארשידען אין פארמע. אייניגע האבען מיט א האלבען מויל צוגעגעבען, אז אזא זאך ווי דיסקרימינאציע טאר ניט דערלויבט ווערען. אנדערע האבען געגעבען אנצוהערען, אז דער "אמענדמענט" איז אביסעל א צו-שווערער. קיינער איז אבער אזוי אפען ניט ארויסגעטראטען געגען דעם ווי די היגע אווענט צייטונג "די איווינינג טעלעגראם". די צייטונג טענה'ט, אז די אנטאריאר לעגיסלאטור האט קיין רעכט ניט זיך צו מישען אין פריוואטע געשעפטס ענינים. די צייטונג זאגט צווישען אנדערעס:

"עס איז מעגליך צו פארשטעהן, אז די אידען ווילען ניט ליידען דאס, וואס פארזיכערונג געזעלשאפטען אנטזאגען זיך אנצונעמען פייער פארזיכערונג פון זיי. ווי אזוי אבער קען מען פארשטעהן דאס רעכט פון דער לעגיסלאטור זיך אריינצומישען אין די געשעפטליכע ענינים פון קאמפאניעס און צווינגען זיי אנצונעמען פאליסיס, וועלכע זיי ווילען ניט, מיט רעכט, אדער ניט?"

"עס איז אמת, אז לויט'ן אויסגעבעסערטען געזעץ וועט דער, וועלכער זוכט צו באקומען אינשורענס, דארפען באווייזען, אז מען דיסקרימינירט געגען אים. אבער אויך דאס איז צופיעל, עס מיינט זיך אריינצומישען אין יענעמ'ס געשעפטען".

האבען מיר ניט בדעה זיך אויסצו'טענה'ן מיט די הערן פון דער "טעלעגראם", וועלכע רעכטפערטיגען א געשעפטס דיסקרימינאציע, ווייל מיר ווייסען, אז ניט נאר אונזער, נאר קיינעמ'ס ארגומענטען וועט זייער מיינונג ניט ענדערען. עס ווילט זיך אבער אט וואס פרעגען:

די "טעלעגראם" איז דאך איינע פון די, וועלכע האלטען אלע פרעמדע, וועלכע קומען אין קאנאדע, דארפען ווערען גוטע, געטרייע בירגער פון לאנד, ווערען א טייל פון לאנד און ארבייטען פאר'ן בענעפיט פון לאנד. ווי אזויזשע קען מען עס דורכפירען, ווען מען בארעכטיגט אזא אפענע דיסקרימינאציע?

קען דאס לאנד בארעכטיגען דיסקרימינאציע און דערביי פראקלאמירען, אז אלע קאנאדער זענען גלייך?

איין שטיקעל גליק, וואס די געזעצגעבער פון אלע פארטייען און אלע ריכטונגען, ליבעראלען, קאנסערוואטיווען און פראגרעסיווען אין דער אנטאריאר לעגיסלאטור, האבען די זאך אנדערש געזעהן און אנדערש פארשטאנען.

פרעמדע

(מעגליכע שמועסען)

פון יצחקי

ווייסט איהר וואס איז די העכסטע שטראף פאר א מאן, וועלכער איז באפאלען א פרעמדע פרוי אין מיטען טאג אדער אין מיטען נאכט, און זי אטאקירט?

סאי אין קאנאדע און סאי אין די פאראייניגטע שטאטען ווערט געגעבען עטליכע יאהר פעניטענשערי און אפט אויך עטליכע שמיץ אלס צוגאב. עס ווענדעט זיך ווי די אומשטענדען זענען.

וועגען הענגען א מאן פאר אזא פארברעכען, האט מען נאך דערוויילע ניט געהערט.

אבער די דעמאקראטישע אמעריקע פארמאגט הפנים באזונדערע געזעצען און באזונדערע גערעכטיגקייט פאר איין טייל פון איהר באפעלקערונג און פאר דעם צווייטען. אויב דער פרויען-אטאקירער איז באשאנקען מיט א ווייסער הויט אויף זיך, דאן איז זיין שטראף בלויז עטליכע יאהר דזשייל. אויב אבער דער אטאקירער טראגט אויף זיך א טונקעל-ברוינע הויט, דאן איז פאראן פאר איהם אן אנדער שטראף — די שטריק.

קאן זיין אז אייבראהאם לינקאלן, וואלט אזעלכע באזונדערע געזעצען פאר'ן שווארצען און פאר'ן ווייסען ניט דערלויבט, ווען ער וואלט איצט געלעבט. ער לעבט שוין אבער ניט, און אנשטאט איהם הערשט איצט אן אנדער פרעזידענט אין אמעריקע, מיט אן אנדערע סארט גערעכטיגקייט.

* * *

איך זאג עס אנטקעגען דעם באשלוס פון דעם העכסטען געריכט פון דעם אמעריקאנער סטייט אלאבאמא, צו צוריקווייזען דעם אפיעל פון 7 נעגערס, וועלכע זענען, פון א נידעריגערען געריכט פאר'משפט געווארען געהאנגען צו ווערען דערפאר, וואס זיי האבען אטאקירט צוויי ווייסע מיידלאך, פאהרענדיג אויף א פראכט-צוג.

עס איז, חלילה, ניט מיין מאטיוו צו פרעזענטירען די 7 נעגערס מיט מעדאלען פאר זייער שענדליכען טאט. איך בין דער לעצטער צו אגיטירען פאר זייער פולשטענדיגער באפרייאונג. איך זאג אבער אז די שטראף וואס זיי דארפען קריגען, דארף זיין פונקט די זעלבע ווי יעדער ווייס-הויטיגער מאן וואלט באקומען פאר דעם זעלבען פארברעכען. איך זאג, אז עס טארען ניט זיין קיין צוויי באזונדערע פארמען פון גערעכטיגקייט פאר איין טייל אדער פאר א צווייטען פון דער באפעלקערונג פון א לאנד — איבערהויפט ווען דאס דאזיגע לאנד איז די דעמאקראטישע רעפובליק פון די פאראייניגטע שטאטען.

* * *

דערמאנט עס מיר אויך וועגען דעם בארימטען האנאלולו סקאנדאל. דער כאראקטער פונ'ם פארברעכען איז אזוי ענליך צום ענין וועגען וועלכען איך האב אויבען גערעדט אז עס בעט זיך ממש צו מאכען א פארגלייך.

לייען איך, אז קלארענס דעראו, דער בארימטער אמעריקאנער קרימינאלאג און פריידענקער, איז באגעגנט געווארען מיט קרענץ בלומען ווען ער איז אנגעקומען קיין האנאלולו, צו פארטיידיגען דעם אמעריקאנעם נייווי אפיצער, וועלכער האט דערמארדעט א "נייטיוו" דערפאר, וואס דער לעצטער האט געשענדעט זיין פרוי.

אויב איהר געדענקט איז די האנאלולו קייס פארוואנדעלט געווארען אין א נאציאנאלער פראגע אין אמעריקע. דער סענאט, דער קאנגרעס און די אמעריקאנער פרעסע האבען געשטורמט און געפאדערט "זיכערהייט" פאר די ווייסע אמעריקאנער פרויען וועלכע געפינען זיך אין האנאלולו.

ווארום האט די האנאלולו שענדונג אויפגעטרייסעלט אזוי שטארק דאס גאנצע אמעריקאנער געמויזאכץ? וואסי, ווייניג פרויען פאלען דען קרבנות פון מענערישער תאוה אין אמעריקע גופא — ניט נאר יעדען טאג, נאר יעדע שעה אין טאג? צי הערט מען דען אין אמעריקאנער סענאט א ווארט וועגען די דאזיגע מאסען שאנד-סקאנדאלען וואס קומען פאר אין לאנד גופא? און וויבאלד, אז עס איז א פראגע פון "זיכערהייט" פאר דער פרוי, ווארום זשע זוכט מען ניט צו פארזיכערען זי פריהער אין די אייגענע גרעניצען?

איז דער תירוץ — צוויי באזונדערע פארמען פון גערעכטיגקייט פארמאגט אמעריקע פאר איהרע "אייגענע" און פאר די "פרעמדע". און פונקט ווי דער "נייטיוו" אין האנאלולו איז א "פרעמדער", אזוי איז דער נעגער אין אמעריקע אויך א "פרעמדער", און דעריבער איז פאר'ן נעגער פאראן א באזונדער מאס צו מעסטען גערעכטיגקייט און פאר'ן ווייס-הויטיגען איז פאראן אן אנדער מאס.

דאס איז דער גורל פון דעם "פרעמדען" אין דעם לאנד פון "ליבערטי". עס איז קיין חילוק ניט ווער דער פרעמדער איז. סאי ווי זענען אנדערע געזעצען פאר-

אן פאה איום..

א ציוניסטישער רענעגאט -- סאוויעטישער טארגפרעד אין פראנקרייך

(א בריעף פון פאריז)

פון י. שעכטמאן

מען רעדט אין די לעצטע יאהרען א סך וועגען דעם, אז די סאוויעט רעגיערונג באמיהט זיך מיט אלע מיטלען צו באפרייען פון אידען איהר דיפלאמאטישען אפאראט אין אויסלאנד. אין פאריז איז אבער אזא טענדענץ דערוויילע ניט צו באמערקען.

די ביידע העכסטע פארטרעטער פון דער ראטען מאכט אין פראנקרייך — דער אמבאסאדאר דאווגאלעווסקי און דער האנדעלספארטרעטער גורעוויטש זיינען אידען. "דער גרויסער שווייגער" — אזוי רופט מען איהם אן צוליעב זיין גרויסער רעזערווירטקייט און אפילו פאסיוויטעט — דאווגאלעווסקי פארמאגט ניט קיין ספעציפיש אידישע פארגאנגענהייט. אין דער ברייטער עפענטליכקייט ווייסט מען זעהר ווייניג וועגען דעם, אז דאווגאלעווסקי איז בכלל א איד, און ער אליין באמיהט זיך מיט אלע מעגליכקייטען דעם דאזיגען פאקט צו פארשווייגען. אבער גורעוויטש האט א זעהר "רייכע" אידישע פארגאנגענהייט. זיין געזעלשאפטליך אידישע ביאגראפיע איז אינטערעסאנט צו דערמאהנען.

מיט 20 יאהר צוריק האט זיך אין די דייטשע אוניווערסיטעטען זעהר שטארק פארברייטערט צווישען די רוסיש-אידישע סטודענטען, וועלכע האבען דארט שטודירט ניט האבענדיג קיין מעגליכקייט צו ווערען אויפגענומען אין די רוסישע אוניווערסיטעטען, די סטודענטיש ציוניסטישע ארגאניזאציע "החבר". גרעסערע אדער קלענערע "החבר" גרופען האבען זיך געבילדעט אין כמעט אלע דייטשע אוניווערסיטעטס שטעדט.

די צענטראלע האט זיך געפונען אין בערלין.

אין אויפטראג פון דער דאזיגער צענטראלע האב איך אין ווינטער 1912 אונטערנומען א פארטראגס-רייזע איבער די "החבר" ארגאניזאציעס. אין שטראסבורג, וועלכע האט דעמאלט געהערט צו דייטשלאנד, האט מען מיר פארגעשטעלט אלס א "פלאמפייערדיגען ציוניסט" און איינעם פון די אקטיווסטע און אנפיהרענדע מיטגליעדער פון דער "החבר" גרופע, א סטודענט פון מעדיצינישען פאקולטעט ,א בחור פון א 25, א לאנגען, א מאגערען, מיט'ן נאמען גורעוויטש. ער איז ארויסגעטראטען אין דער דיסקוסיע נאך מיין פארטראג און האט זיך אויסגעצייכענט אלס א קאנסעקווענטער און עקסטרעמער ציוניסט, פול מיט קנאה צו אלע סאציאליסטישע שטרעמונגען און איבערצייגונגען.

אין דער רוסישער סטודענטישער קאלאניע האט ער געהאט א שם פון א גרויסען "רעאקציאנער" און סאציאליסטען-פרעסער.

בעת דער וועלט מלחמה איז מיר אויסגעקומען זיך צום צווייטען מאל צו באגעגענען מיט גורעוויטש'ן. סוף דעצעמבער 1915 איז אין מאסקווע פארגעקומען א קאנספיראטיווער אל-רוסישער צוזאמענפאהר פון אלע "החבר' ארגאניזאציעס וועלכע האבען זיך צו יענער צייט אריבערגעטראגען קיין רוסלאנד און האבען זיך דא שטארק פארשפרייט. איך בין אויסגעוועהלט געווארען אלס פארזיצענדער פון דעם צוזאמענפאהר. ערשטער וויצע פארזיצענדער איז געווען ל. פערעלסאן, דער איצטיגער לייטער פון קופת חולים אין ארץ ישראל; היות אבער ווי מיר ביידע זיינען געווען זעהר קנאפע בקיאים אין הלכות העברעאיש, האט מען אלס צווייטען וויצע-פארזיצער, וואס זאל כשר'ן אונזער העברעאישע עם הארצות, אויסגעוועהלט גורעוויטש'ן וועלכער האט געהאט א שם פון א גוטען העברעאיסט.

דער עקסטרעם-העברעאיסטישער טייל פון דעם צוזאמענפאהר בראש מיט גורעוויטש'ן און דעם איצטיגען חבר דאבקין, איז אבער געווען שטארק אונצופרידען מיט דעם, וואס צוויי ניט-העברעאיסטען פיהרען פאקטיש אן מיט דער קאנפערענץ.

און אויף דער פייערליכער ערעפענונגס-זיצונג, וואס איז פארגעקומען אין דעם גאסטפריינדליכען הויז פון שושנה פערסיץ, האבען זיי געמאכט א פרואוו ארויסצורופען אן אינצידענט. מען האט אפגערעדט מיט גורעוויטש'ן, אז אין באשטימטען מאמענט וועט ער פארלאזען דעם פרעזידיום טיש און וועט ארויסגעהן פון דעם זיצונגס צימער: גראד אין דעם מאמענט האט זיך אויפגעהויבען דאבקין און האט זיך געווענדעט צו דעם פרעזידיום מיט א לענגערען פארשלאג אין א קלאסישען העברעאיש.

די גאנצע קאנפערענץ איז געווען ענגשפאנט, — ווי אזוי די "גוים" שעכטמאן און פערעלסאן זאלען זיך ארויסדרעהען פון דער דאזיגער שווערער לאגע. אבער גאט האט געהאלפען: דער טעמפעראמענטפולער דאבקין האט דעם פארשלאג געמאכט אזוי אויפגערעגט און מיט אזא זשעסטיקולאציע, אז אפילו אן אמת'ער גוי, וואס קען צופעליג א פאר ווערטער העברעאיש, וואלט אהן מיה פארשטאנען דעם תמצית. און צו דער גרעסטער ענטוישונג פון די "פארשווערער" מיט גורעוויטש'ן בפרט, האט דאס פרעזידיום פארמולירט דעם פארשלאג און איהם געשטעלט צום אפשטימונג.

גורעוויטש האט זיך אבער נוקם געווען אין דעם ווייטערען פארלויף פון דער קאנפערענץ. ער האט אנטשיידען באקעמפט יעדען פרואוו צו מאכען דעם "החבר" פאר אן אמת'ער פאלקסטימליכער ארגאניזאציע, וואס אינטערעסירט זיך מיט די טאג-טעגליכע אינטערעסען פון די אידישע מאסען, וואס פארנעהמט זיך מיט געגענווארטס ארבייט, וואס האט פארשטענדניש פאר דער פאלקס-שפראך. ער איז געווען שטאל און אייזען פאר אן עקסטרעם פאלעסטינישען ציוניזם, וואס וויל גארניט וויסען פון קיין שום זאך חוץ פראקטישע ארץ ישראל קאלאניזאציע און חוץ העברעאיש. אלע, וואס זיינען געשטאנען אויף אן אנדער שטאנדפונקט, האט ער געשטעמפעלט אלס "ניט אמת'ע ציוניסטען", אלס "פארשטעלטע סאציאליסטען". ער איז געווען דער עקסטרעמסטער און דער קאנסערוואטיווסטער ציוניסט צווישען אלע אנוועזענדע.

עס איז געקומען די רוסישע רעוואלוציע פון יאהר 1917. צו יענער צייט האט גורעוויטש שוין געענדיגט דעם מעדיצינישען פאקולטעט און איז געווען אלס ארצט מאביליזירט אויפ'ן פראנט. אין די ערשטע רעוואלוציע חדשים האט מען פון איהם כמעט גארניט געהערט. צו דעם אל-רוסישען ציוניסטישען צוזאמענפאהר אין פעטערסבורג איז ער ניט געקומען, הגם די אידישע פראנט ארגאניזאציעס האבען געשיקט א ספעציעלע דעלעגאציע. זומער 1917 האבען זיינע פריהערדיגע חברים פון "החבר" זיך דערוואוסט, אז גורעוויטש איז אויסגעקליבען אין דעם "סאוויעט סאלדאטסקיך דעפוטאטאוו" אלס פארטרעטער פון די רוסישע סאציאל דעמאקראטען מענשעוויקעס. סאציאליזם איז דעמאלט געוועזען "די גרויסע מאדע" אין רוסלאנד און בפרט צווישען סאלדאטען מאסען, און די מענשעוויקעס זיינען צו יענער צייט געוועזען די פאקטישע בעלי בתים אין דער רוסישער ציוויליגער רעגיערונג. גורעוויטש האט געהאט, ווי עס הייסט, א פיינעם חוש און האט תיכף דערשפירט ,אז א פאליטישע קאריערע איז לייכטער פון אלץ צו מאכען דורכ'ן סאציאליזם.

ער האט אבער "געשטעלט ניט אויף דעם ריכטיגען פערד". די ממשלה פון די מענשעוויקעס האט געדויערט א זעהר קורצע צייט. זעהר שנעל האבען זיי פארלוירען זייער השפעה, און דער ווינד האט אנגעהויבען צו בלאזען אין דער באלשעוויסטישער ריכטונג. מיט א פיינעם חוש האט גורעוויטש אנגעהויבען צו 'עוואלוציאנירען" אין דער דאזיגער ריכטונג, — אבער פארזיכטיג בהרגת'דיג. פריהער איז ער געווארען א "מענשעוויק אינטערנאציאנאליסט" — א צווישען שטופע צום באלשעוויזם. דערפיהלענדיג, אז די באלשעוויסטישע אקציעס שטייגען, איז גורעוויטש ענדגילטיג און אפיציעל אריבערגעטראטען צו די קאמוניסטען. דער דאזיגער "עקסטרעמער ציוניסט" און סאציאליסטען חדשים געווארען אן ארטאדאקסאלער רופרעסער איז אין פארלויף פון עטליכע סישער קאמוניסט. וואס האט גארניט געוואלט וויסען וועגען וועלכע ניט איז ספעציפיש אידישע נאציאנאלע אינטערעסען. ער האט אפילו ניט געוואלט אריינטרעטען אין דער יעווסעקציע, וואס האט דאך געטראגען עפעס א נאציאנאלען כאראקטער, נאר איז געווארען מיטגליעד פון דער אלגעמיין רוסישער קאמוניסטישער פארטיי.

די נייע באלשעוויסטישע בעלי בתים

(פארזעצונג אויף פיידזש 2)

די מומע אלטע

(פארטרעט)

פון א. גערבאוואי

אפילו אין אמעריקע, וואו אהן דעם טיטול מרס, הויבט מען גארניט אן צו ריידען, רופט איהר אויך קיינער ניט נאר פראסט, פשוט ביי דעם ערשטען נאמען: אלטע.

און דער נאמען איז איהר אזוי גוט צוגעפאסט, פונקט ווי ער וואלט צוזאמען מיט איהר אויסגעוואקסען, אלט געווארען און איינגעלעבט זיך מיט איהר גאנצען קערפער און נשמה.

איך האב אמאל, קוקענדיג אויף איהר געוואלט פארשטעלען זיך אין מיין געדאנק, ווי אזוי זי האט אויסגעזעהן אין רע ריוגענט, ווען איהר קערפער האט זיך נאך געהאט געווים געריסען נאך א ביסעל עולם-הזה'דיגקייט. מיין פארשטעלונגס-קראפט איז אבער צו ארעם געווען דערפאר. באין אופן האב איך איהר, מיט מיינע דאמאלסדיגע פארמאכטע אויגען, ניט געקענט זעהן קיין יונגע. איהר שטענדיגע שטיל רוהיגע ערנסטקייט, פרומער שמייכעל און נחת'דיגע פרייד וועלכע טרעט פון איהר כמעט קיינמאל ניט אפ, שאפען דעם איינדרוק ווי זי וואלט פון אייביג אן געוועזן אזוי: א פרומע גוט-הארציגע באבע, פונקט ווי זי וואלט געבוירען געווארען אן אלטע.

אליין איז זי טאקע אן אלטינקע. א נידעריג געוואקסענע און לויט איהר עלטער זעהר אן אויסגעמאגערטע. דער שטערען איהרער איז פול מיט פאלבען, ווי א גוט צוברענעווטע פעלד, און די פלייש פון פנים הענגט אראפ ,אזוי ווי עס וואלט געוועזן אפגעטרענט פון די ביינער. די צוויי קנייטשען אבער וועלכע ליגען זיך ביי איהר אוים צווישען די באקען און בוידע זייטען נאז צוזאמען מיט איהרע ליכטיגע אויגען גיבען איהר צו אן אויסערגעוועהנליכען חן: זיי דערצעהלען עס פון איהר ליעבע און גוטסקייט צו אלץ און פאר אלעמען.

קיין מומע מיינע איז זי קיינמאל ניט געוועזן. מיין ריכטיגע קרובה'שאפט מיט איהר איז דורך דעם וואס זי איז מיין מאמע'ס א קוזינע. זי איז אבער זעהר א גוטע און א הארציגע, איהר באציהונג צו מענשען — איבערהויפט נאך צו פריינט — איז זעהר א ווארימע, א לייבליך מענשליכע ,האב איך איהר דערפאר ליעב, טאקע שטארק ליעב און איך רוף איהר מומע, — מומע אלטע.

און זי איז פון דעם שטארק צופרידען. זי האט זעהר ליעב צו זעהן [illegible]

מענשען געוועזן די "שטאדט מומע". פון פריטאג [illegible]

דער זיינען שוין גאט צו דאנקען אויסגע- [illegible]

א יאר ציוניסטישער-ראיאן אין אנטעריא

פון דוד קירשענבוים
(לאנדאן, אנט.)

יעדער ארבייט, יעדער אידעע, יעדער באוועגונג, האט צוויי הויפט־פאזען, לעבט איבער צוויי הויפט פעריאדען.— פארשטעלונג און מעשה, אידעע און ארבייט. פאנטאזיע און פראקטיק.

היות, ווי די דאזיגע צוויי פאזען זענען תמיד פארשידען איינער פונ'ם אנדערען, אזוי זענען אויך פארשידען זייערע באגלייטע ערשיינונגען. די פארשטעלונג איז זייער שיין, שטענדיג פיל שענער פון דער ווירקליכקייט, די פארשטעלונג איז זייער א ברייטע, ענדלאזע פעלד און זעהט פאר זיך קיין גרעניצען, קיין מניעות, קיין שטיינער אויפן וועג, ראמט אויף זייער לייכט אפ, און גלאנצט דעריבער מיט א בעזונדערען יוגענדליכען ליכט.

דאגעגען די מעשים, די פראקטיקע, איז שוין גאר ניט אזוי שעהן, זי האט פאר זיך א שטרענגען אויסגעצאמטען געביט דורך די פראקטישע באדינגונגען. גאנץ אפט מאכט די פראקטיק דורך א שווערען ענגען לעבענס קאמפף, זי באגעגענט פיל מניעות פיל שטיינער אויפן וועג, זי קנעפט זיך ניט אזוי לייכט, אבער ווען די בעדינגונגען זענען מעהר אדער ווייניגער גינסטיג איז זי דויערהאפטיג.

געקומען איז מיר דאס אויפן רעיון פארטראכטענדיג זיך אז פונקט היינט א יאהר, זענען ענערגישע פארברייטונגען געמאכט געווארען צו דער אנטאריאר ציוניסטישער ראיאן קאנפערענץ אין האמילטאן. דעמאלט איז די פארשטעלונג געווען אין איהר פולען גלאנץ, די ארבייט איז געטאן געווארען מיט יוגענדליכען ברען, מיט די גרעסטע איבערגעגעבענהייט און ס'איז כמעט ווי זיכער געווען אז די האמילטאנער קאנפערענץ שאפט א נייע תקופה אין דער ציוניסטישער באוועגונג אין אנטאריא, וועלכע וועט בלי ספק האבען א שטארקע השפעה אויף דער אלגעמיינער ציוניסטישער באוועגונג אין קאנאדע, ובפרט וועט דער ראיאן זיין א גרויסע הילף און ארגאניזירענדער כוח פאר די קלענערע קבוצים אין דער פראווינץ.

אודאי, האבען די איניציאטארען פון ראיאן באגריפען אז די נייע ארגאניזאציע קאן אין דער התחלה באלד ניט ארבייטען אלס סטאבילירטע פעסט איינגעפונדעוועטע ארגאניזאציע, אז זי מוז זיך אויסוויקלען פון די וויקעלאך, דורך מאכען פארשיידענע גלגולים און וואנדלונגען ביז זי וועט אננעהמען א קאנקרעטע ממשות און דערגרייכען די פאלקאמענהייט. דער רצון איז אבער געווען אזא התלהבות'דיגער אזא ענטוזיאסטישער, אז דער ערפאלג צום ציעל האט זיך אויסגעוויזען אלס פאזיטיווער.

האט דער ציון - ראיאן ווירקליך לכתחילה אריינגעבראכט א פרישען שטראם לעבען אין דער אנטאריאר ציוניסטישער באוועגונג, די ציוניסטישע ארבייט האט ערוואכט פון איהר היפנאטישען שלאף אין א נייער אימפולסיווער טעטיגקייט. מאיר וויסנאל — דער איניציאטאר און שאפער פון ראיאן האט מיט דער גרינדונג פון ראיאן אריינגעצויגען די ענגליש שפרעכענדיגע ציוניסטישע יוגענד וואס איז ביז דעמאלט כמעט ווי געשטאנען פונדערווייטענס פון דער נאציאנאלער באוועגונג, די קרן היסוד זאמלונגען זענען פארגרעסערט געווארען, נייע ציוניסטישע אגודות האבען זיך ארגאניזירט, ובפרט האט בענעפיטרט די פראווינץ. א נייע ציוניסטיש לעבען האט אויפגעוואכט, מאנכע פראווינציעלע שטעדטלאך וואס זענען ביז דער גרינדונג פון ראיאן פון ציוניסטישען צענטראל אפיס פארנאכלעסיגט געווארען, זענען דורכ'ן ראיאן ארגאניזירט געווארען, און דאס נאציאנאלע אידישע לעבען אין דער פראווינץ אנטאריא האט שטופענווייז דייטליכער אנגעהויבען ארויפשוואומען אויף דער אויבערפלאך פון דאס געזעלשאפטליכע אידישע לעבען.

די פרעסע: „דער אידישער זשורנאל" און „סטענדארד" האבען פיל מיטגעהאלפען פארשטארקען און באפעסטיגען די נייע געגרינדעטע ארגאניזאציע דורכן איינפיהרען ספעציעלע אפטיילונגען פאר דער ציוניסטישער באוועגונג, און די פארשטעלונג האט זיך אויסגעוויזען ווערט א פראקטישע ווירקליכקייט אויסמיידענדיג די אבן נגף'ס און שטרויכעל שטיינער וואס אזא פרישע ארגאניזאציע האט נאטירליך דורכמאכען.

דאן איז געקומען די פראקטיק אין איהר נאקעטען געשטאלט. באלד ביי דער האמילטאנער קאנפערענץ האט אומערווארטעט, אויטאמאטיש, אויסגעבראכען א שטרייט צווישען דעם עלטערן ציוניסטישען עלעמענט וועלכער פרעטענדירט מיט זיך צו האבען א גאנצען באגאזש ערפאהרונגען און קוקט מיט פארדרוס אויף דער גרינדונג פון ראיאן וואס מאנכע יונגלייט האבען מיט יוגענדליכען ברען און יוגענדליכען נאטירליכען הייץ אנגעשטרענגט זיך צו שאפען עטוואס נייעס. דאס איז כמעט אהן צוויפעל געווען די סיבה פון דער אומצופרידענהייט און דיסהארמאניע וואס האט שטילערהייט געהערשט צווישען דעם צענטראלען אפיס און אנטאריא ראיאן.

ס'איז ביי מיר כמעט ווי א זיכערקייט, וואלט דער אנטאריאר ציוניסטישער ראיאן געגרינדעט געווארען פון די אלטע פראקטישע ציוניסטישע וועטעראנען וואלט אלץ געגאנגען כשורה, היות ווי דער ראיאן איז געגרינדעט געווארען און אהגאניזירט געווארען פון דעם יוגענדליכען ציוניסטישען עלעמענט האט דאס נאטירליך ארויסגערופען די געגנערשאפט פון עלטערן ציוניסטישען דור.

דאן האט אויך נאכגעפאלגט דאס מיאוסטע און עקעלהאפטסטע — רכילות און לשון הרע, צווישען ראיאן און צענטראל אפיס וואס האט אבגעשוואכט אויף געוויסע אופנים און דעמאראליזירט די טעטיגקייטען פון דער גאנצער ציוניסטישער באוועגונג אין לאנד ביז די לעצטע ציוניסטישע קאנווענשאן אין מאנטרעאל וואס האט פארגלעט די צאנקערייען צווישען „רידזשען" און צענטראל אפיס. רבי זלאטניק האט רעזיגנירט, דער רידזשען האט באקומען דורך דער קאנווענשאן טיילוויזע אויטאנאמישע רעכט און ס'האט זיך אויסגעדראכט אז איצט איז אלעס צופרידענשטעלענד און די ארבייט וועט פונקציאנירען מיט באנייטע שנעלזייט און אימפולס.

האט אבער לעצטענס פאסירט דאס גאר אומערווארטעט וואס האט דעם ראיאן אינגאנצען א וואקעל געטאן. מאיר וויסנאל — דער פראקטישער איניציאטאר און גרינדער פון ראיאן האט פארלאזען טאראנטא איבערלאזענדיג זיין פרעזידענט־אמט און דער ראיאן איז געבליבען ווי אויפן וואסער אהן א רודער, אהן א פירער.

מיט מיין איצטיגען ארטיקעל באצוועק איך ניט אפצושטעלען זיך אויף די פערדינסטען און לייסטונגען פון די לייטער און גרינדער פון ראיאן, מאיר וויסנאל. דאס האט שוין געטאהן אייער מיטארבעטער מר. שמש אין „זשורנאל", פעברואר דעם 28טען און ער באמערקט גאנץ ריכטיג „אז דער צוקונפטיגער געשיכטע שרייבער וועט געוויס מוזען זיך לענגער אבשטעלען אויף דעם בלאט וויסנאל בעת ער וועט שרייבען די געשיכטע פון דעם טאראנטאר אידישען ישוב.

א פאקט וואס מ'קאן נישט פארבייגיין אונבאמערקט בעת מ'רעדט וועגען ציוניסטישען ראיאן, דאס וואס ווערט אין ארטיקעל פון אויבענדערמאנטען דאטום פון אייער „זשורנאל" מיטארבייטער אונטערגעשטריכט, אז מאיר וויסנאל איז געקומען קיין קאנאדע מיט א גאנץ פארקערטער אנשויאונג וואס אנבאלאנגט ציוניסטישע אקטיוויטעטען. זיין אנשויאונג איז געווען אז טראָצדעם, וואס געלד איז וויכטיג פארן ציוניזם, איז עס אבער ניט אזוי וויכטיג ווי א געזונטע ציוניסטישע ארגאניזאציע אהן געלד איידער געלד אהן ציוניזם.

האבען זיך באמת מיט דעם גערעדט ארומגעטראגען פיל יוגענדליכע ציוניסטען נאך פריער איידער וויסנאל איז געקומען אין קאנאדע, מ'האט אבער מורא געהאט דאס ארויסצוזאגען עפענטליך, ס'איז געווען די אלטע מורא פון ברעכען אלטע טראדיציעס, ס'האט אויך געפעלט דער טעמפעראמענטפולער אידעאליסט און פייאיגער ארגאניזאטאר, ביז וויסנאל איז געקומען און האט מיט זיין דינאמישער טרייב קראפט, אהן מורא פאר ווע־מען, מיט פיבערהאפטער טעטיגקייט ארגאניזירט דעם ראיאן און א לעבעדיגער קוואל פון ציוניסטישער טעטיגקייט האט איבער דער גאנצער פראווינץ אנט. אנגעהויבען שטראמען.

איצט איז מאיר וויסנאל שוין מערער ניטא אין קאנאדע. וועט זיך אלץ צוריק קערען צום אלטען? וועט דער אנטאריאר ציוניסטישער ראיאן זיך אויפלעזען? וועט די גרויזאמע פראקטיק איינגאנצען צעשטערען די דערהאבענע אידעע? וועט די אלטע פארגליווערטקייט אין ציוניסטישען לעבען אין דער פראווינץ צוריק פארנעמען איר מנוחה'דיגען פלאץ אויסשפרייטענדיג אירע נאכלעסיגע פליגלען איבער די לעבעדיגע ענטוויקעלטע טעטיגקייט?

איך שטעל די פראגען מחמת ס'איז שוין העבער ווי צוויי חדשים פאראיבער זינט דעם לעצטען עקזעקוטיווע מיטינג פון ראיאן וועלכער איז אבגעהאלטען געווארען אין בראנטפארד, אנט. זינט דעמאלט איז אלס אבגעשטעלט געווארען, מ'הערט ניט פון ראיאן גלייך ר'וואלט גאר קיינמאל ניט עקזיסטירט, קיין 2־טע יעהרליכע קאנפערענץ אויפן האמילטאנער מאסשטאב, ווי ס'ווייזט אויס, וועט דעם קומענדען חודש ניט פארקומען. זאל ווירקליך זיך שוין ניט געפינען ווער ס'זאל פארטזעצען די טעטיגקייט פון ראיאן און ווייטער ערפאלגרייך אנפירען די ארבייט?

מיר פארמאגען אין די ציוניסטישע רייהען אין אנטאריא א סך יונגע אידעאלע ציוניסטען וועלכע האבען פולהארציג מיט באגייסטערונג געשטיצט און מיטגעארבייט — וואו זיינען זיי?

וואו איז יענער אויסגעוואקסענער ענגליש־אידישער עלעמענט וועלכער האט אזוי ליידענשאפטליך געקעמפט פאר וויסנאל'ס אנשויאונגען און פאר דער אויטאנאמישער עקזיסטענץ בארעכטיגונג פון אנטאריאר ראיאן?

אויב דער אנטאריאר ציון ראיאן זאל אויטאמאטיש אויפגעלייזט ווערען און דער פארנאכלעסיגטער מצב פון פריהער זאל זיך צוריק קערען, וועט דאס ניט בלויז שאדען ברענגען די ציוניסטישע טעטיגקייטען און פאנדען אין דער פראווינץ נאר ס'וועט פארניכטעט און חרוב ווערען דאס געשאפענע, ווי אויך דער צוטרוי וואס איז איבער דער צייט געוואונען געווארען פאר דער ציוניסטישער באוועגונג.

דער מאנטרעאלער אפיס קאן מיט זיין טעטיגקייט אונטער די בעסטע אומשטענדען און קאנדיציעס לחלוטין ניט אנפירען די פראפאגאנדע ארבייט איבעראל, ובפרט איז דער צענטראל אפיס ניט ביכולת דירעקט צו קומען אין קאנטאקט מיט די פארווארפענסטע אידישע ישובים, די פאפירענע פארבינדונגען דורך די אפטע צירקולארען צו איינצעלנע יחידים וואס דער מאנטרעאלער צענטראל אפיס פראוועט אנהאלטען, האט זיך לאנג שוין ארויסגעוויזען אונדורכפיהרבאר און ערפאלגלאז. בלויז דער ראיאן דירעטירענדיג די ארבייט פון טאראנטא איינגעפאסט און פייאיג פאר דער אויפגאבע בלויז דער ראיאן איז אומשטאנד צו גרייכען און ארגאניזירען די פראווינץ, אפילו אין טאראנטא גופא, האט דער ראיאן פיל ניי לעבען אריינגעבראכט אין די שווערסטע אונגעהייערע אנשטרענגונגען מוזען געמאכט ווערען דער ראיאן זאל ווייטער עקזיסטירען.

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטער רעדאקטאר: —

איך האף אז איהר וועט מיר ערלויבען צו פרעגען א פאר פראגען מר. אסטען דעם שרייבער פון פאולטרי.

איך וויל וויסען צו איך קאן אין א פען וואס איז שוין געווען אלטע הינער אריינשטעלען א סטאוו און אויסווארימען דארט קליינע הינדלאך? דער פען איז 20 אויף 20 פוס די גרויס.

צי קען מען נוצען וועלכען עס איז סטאוו, אדער עס מוז זיין א ברודער סטאוו?

מיט דרך ארץ,
ס. פענקין,
ראדזשערס ראוד.

אן ענטפער פון מר. א. אסטען: —

אין א פען 20 פוס לאנג און 20 פוס ברייט דארפט איהר האבען 2 סטאווס. איין סטאוו פאר אזא געבײדע וועט ניט קענען דערווארימען.

עס מוז אונבאדינגט זיין „ברודער סטאווס". דאס איז אזעלכע אויווענס ספעציעל געמאכט אויף אויסצווארימען קליינע הינדעלאך. די אויווענס האלטען אן א רעגעלמעסיגען פייער דורך 2 טערמאסטעס. אזעלכע מעטאלענע שאכטלעך אנגעפילט מיט א כעמישען שטאף.

אויב איהר געברויכט א פען וואו אלטע הינער זיינען שוין פריהער געווען, זאלט איהר דאס הויז גוט אויסרייניגען, וואשט אויס די ווענט מיט די דיל און אן אויפלאזונג פון א פערטעל פונט 'לאי' צו פינף גאלאן הייסע וואסער, מען געברויכט דערצו א הארטע בארשט. דערנאך באגיסט מען דיל און די ווענט מיט א דיזענפעקציע מיטעל. 5 פראצענט קארבאליק עסיד" איז זעהר גוט דערצו.

די ארבייט פון די פרויען קלוב פון א. נ. א. פ.

פון י. טעקאלסקי

צו דער דערעפענונג פון דעם קאמפיין פאר דעם סאניטאריום פון דער קופת החולים ביי דער הסתדרות, דער סאניטאריום וועלכער ווערט אויסגעהאלטען פון די פרויען קלובען פון א. נ. א. פ. בכלל און פון ש. פרוג פרויען קלוב נומער 4 פון טאראנטא בפרט, איז כדאי צו באקענען דער עפענטליכקייט סיי מיט דער אקציע זעלבסט און אויך וועגען דער אלזייטיגער טעטיגקייט פון די פרויען קלובען, די ציילען פון דער באוועגונג, איהרע אנשויאונגען און באציהונג צו פארשיידענע פאזען פון ארומיגען לעבען.

עס האט ניט לאנג געדויערט, אז די אידישע אימיגראנטען, וועלכע האבען באלד נאך זייער קומען קיין אמעריקע, פארווארפען זייערע אידעאלען וואס זיי האבען מיטגעבראכט פון דער היים און זיך גענומען צוצופאסען צום ארומיגען לעבען, זאלען זיך ארומזעהן אז זיי שטעהען אין מיטען פון א שטארקען אסימילאציאנס־פראצעס, און זיי מוזען זיך פון איהם ארויסראטעווען. מען האט זיך באלד ארומגעזעהן אז די דערציהונגס סיסטעם איז א באזונדער ווירקזאם מיטעל אין דעם שמעלץ טאפ איינצושלינגען אלץ, וואס איז ניט עכט אמעריקאניש.

באזונדערס איז דער רעזולטאט פון דעם פראצעס געווארען זעהר בולט, ווען מען האט זיך ארומגעזעהן, ווי די קינדער זיינען פארפרעמדט געווארען פון די עלטערן, און דעם אימיגראנטס באגייסטערונג פאר'ן אמעריקאנעם לעבען האט זיך אפגעקילט צוזאמען מיט זיין צו זיך קומען פון דעם טרוקענעם מאטעריאליזם.

עס האט זיך אנגעהויבען צו באוועגען עפעס אין אידישען לעבען, צום אנהויב אומבאשטימט, ניט גענוג קלאהר, ביסלאכווייז האט זיך אויסגעקריסטאליזירט דאס אידיש לעבען, וואס מיר טרעפען דא.

מיט בערך א 20 יאהר צוריק איז אויפ'ן אמעריקאנעם בארען אויך אוועקגעלעגט געווארען דער פונדאמענט פון דער נאציאנאל פראגרעסיווער באוועגונג.

עס האט זיך אויסגעקריסטאליזירט א פאזיטיווער קריעג פון אידייען וועלכער האט אויך קלאהר געמאכט זיינע פארלאנגען פון אידישען לעבען אין אמעריקע און זיין בליק אויף דער אידישער פארגאנגענהייט און צוקונפט.

ערשטענס: דארף דער יחיד זוכען זיין גייסטיגע האפנונג אין דער ארומיגער סביבה, אין א געזעלשאפטליכער ארבייט, וואס זאל פארנעהמען דעם פלאץ פון אמאליגען רעליגיעזען פייער.

צווייטענס: רייסט זיך די נאציאנאל פראגרעסיווע באוועגונג ניט אפ פון דער טראדיציע, פון די שאפונגען פון פריהערדיגע דורות, וואס זיינען אונז איבערגעגעבען געווארען בירושה. עס זוכט צו פארקערפערען דאס עטישע און קינסטלערישע אין אידישען לעבען און עס ציעלט אויך צו שאפען נייע קולטורעלע ווערטען פאר דער צוקונפט.

אין דער זעלבער צייט פאראייניגט זיך די נאציאנאל פראגרעסיווע באוועגונג מיט די כוחות וועלכע פיהרען דעם קאמף פאר דער אל - מענשליכער באפרייאונג מיט די פארטיידיגער און קעמפער פאר די רעכט פון שאפער און בויער, מיט די קעמפער פאר בעסערע עקאנאמישע באדינגונגען פון ארבייטער קלאס.

און אין דעם גייסט פון אידישער טראדיציע און ארבייטער אידעאלען ווע־לען מיר אויך דערציהען אונזער יוגענט. פאר דעם צוועק האט די באוועגונג געשאפען א נעץ פון שולען איבערן לאנד, וואו אונזערע קינדער ווערען באקאנט מיט די שאפונגען פון אונזער אידישען גייסט אין אידיש און העברעאיש און מיט'ן גייסט פון ארבייטס אידעאלען. מיר פלאנצען איין א ליעבע צו דעם חלוציזם, וועלכער דיענט אלס ביישפיל פון אויפבוי פעהיגקייט און שאפענדען קאמף.

וועגען דער באציהונג פון דער באוועגונג צו ארץ ישראל, וואלט אפשר קיין דערקלערונג ניט נויטיג געווען. עס איז דאך מעגליך ליעב צו האבען עטוואס אהן א פארוואס. „אהבה שאינה תלויה בדבר" איז דאך אויך בארעכטיגט. עס לאזט זיך אבער אויך דערקלעהרען.

אין דעם אידישען דמיון האט ארץ ישראל עקזיסטירט אלס ריין אידיש לאנד. די אלע דורות פון פארוויסטונג האבען די באציהונג ניט צושטערט. מעג מען האבען פארשיעדענע מיינונגען וועגען פאליטישען כוח פון ארץ ישראל, אבער קיינער האט ניט געצווייפעלט אין איהר קולטורעלען איינפלוס. ארץ ישראל איז די איינציגע רעטונג פאר'ן אידישען גייסט.

מיר ווילען אבער פארווירקליכען דעם סאציאליזם אין ארץ ישראל און מיר זעהן אין דער „הסתדרות, די ארץ ישראל ארבייטער באוועגונג, דעם וועג און מיטעל, ווי עס צו פארווירקליכען.

עס איז אונמעגליך אריינצוגעהן אין אלע דעטאלען פון דער באוועגונג. זי האט אבער א נשמה און קאמפסלוסט. און איז שוין א בויענדער כוח אין אונזער לעבען.

די פרויען קלובען פון פארבאנד שפילען דא ניט קיין קליינע ראלע. עס איז געלונגען צוגעפינען א צוטריט צו דער אידישער פאלקס פרוי און איהר פאראינטערעסירען אין אלע קולטורעלע און פראקטישע ארבייטען.

די פרוי קריגט דורך דעם אן אינהאלט אין איהר איינגען לעבען און ווערט דורך דעם אויך א וויכטיגער בייטראג אין פארווירקליכען און דורכפיהרען פון די ארבייטען. מיט דער הילף פון דער פרוי וועטטועלער אויפקלעהרונג ווערט אין די רען געבויט שולען, און דורך דער קולהיימען געשאפען די סביבה, צו וועלכער מיר שטרעבען.

און איינע פון די וויכטיגע פראקטישע אויפטואונגען פון דער פרוי אין אונזער באוועגונג איז דאס אויפהאלטען די סאניטאריומס פון דער קראנקען קאסע ביי דער הסתדרות אין ארץ ישראל.

די 2 סאניטאריומס פון דער „קופת־חולים" אין מוצא און אויפ'ן כרמל דיענען אלס מוסטערען פון סאניטארער הילף. די וועלכע האבען די אינסטיטוציעס באזוכט ברענגען גרויסען לויב מיט באגייסטערונג. קיין שעהנערע מתנה קענען די אמעריקאנער פרויען ניט צוטראגען צו די חלוצים אין זייער שווערער און קרבנות פולער ארבייט פון אויפבוי.

ווי באשיידען דער בייטראג זאל ניט זיין אין פארגלייך מיט דעם וואס דער חלוץ גיט פאר ארץ ישראל, איז די ארבייט דאך א היילינע און א גרויסע. אהן דעם בייטראג וואלט די חלוצים ארבייט נאך פיעל שווערער געווען. און פיהרענדיג די אחריות פאר דער ארבייט, ווילט זיך, אז אויך די אידישע עפענטליכקייט זאל אנהויבען פארשטעהן די וויכטיגקייט פון דער אינסטיטוציע און דורך העלפען דעם סאניטאריום קאמפיין פון די פארבאנד פרויען קלובען העלפען דער אויפבוי ארבייט אין ארץ ישראל.

גלייכצייטיג דארף די אידישע פרוי זיך פארטראכטען וועגען דעם אויף וויפיעל זי דארף און עס איז נויטיג צוצולייגען א האנט און ניט בלויז צייטווייליג צו אלע ארבייטען, וואס די נאציאנאל פראגרעסיווע באוועגונג פיהרט אן.

א גרויסע און שטארקע פרויען באוועגונג איז א וויכטיגע שאפונגס קראפט אין דער אלגעמיינער אידישער אויפבויבונג אין ארץ ישראל.

אין שוהלען און ארגאניזאציעס

רבי סאקס רופט צו העלפן קאמפיין פון בראנזוויק ת'ת

דער פאלגענדער אויפרוף גע'חתמ'עט פון רבי סאקס איז ארויסגעשיקט געווארען צו אלע שולען און אידישע ארגאניזאציעס אין שטאט:

דער דורכשניטליכער איד וועט ברענגען פילע קרבנות צו פארהיטען דעם אונטערגאנג פון זיינע מיטמענשען און וועט געבען ברויט פאר די הונגעריגע.

אבער ווייניג מענשען פארטראכטען זיך וועגען דעם גייסטיגען אונטערגאנג, ווען א גאנצע אידישע געמיינדע שטארבט ביסלעכווייז אפ פון עם הארצות.

אונזערע עלטערן אין מזרח אייראפא און אין אלע דורות פון גלות האבען פארשטאנען די וויכטיגקייט פון דערהאלטען די נשמה ביים לעבען. דורך אידישער ערציהונג, און אויב מיר ווילען, אז אונזערע קינדער זאלען אויף ווייטער וועבען דעם פאדעם פון אונזער גייסטיגער ירושה, מוזען מיר ווערען זעלבסטשטענדיג אין גייסטיגען זין און אויפבויען אונזערע איינענע תורה אנשטאלטען.

אלס א אידישע ארגאניזאציע אין טאראנטא איז עס אייער פליכט צו קומען צו הילף דער גרעסטער תלמוד תורה אין שטאט, וואו 600 קינדער לערנען טעגליך אונזער תנ"ך, גמרא, און אונזער רעליגיע.

שליסט אייך אן אלס אן ארגאניזאציע אין אונזער $25.000.00 קאמפיין.

שיקט דעלעגאטען צו דער קאנפערענץ וועלכע וועט אפגעהאלטען ווערען אין תלמוד תורה, דעם 13־טען אפריל.

אין ת'ת עץ חיים דיארסי סט.

דינסטאג, דער 22־טען מארטש, האט דער 'גדוד נשרים' געפייערט די פורים חגיגה אין גרויסען האל פון ת'ת 'עץ חיים' דיארסי סט. עס זיינען אנוועזענד געווען אויסער דער גדוד מיט'ן מפקד אויך פאלגענדע: אונזער חשובער פרינציפאל, מר. פ. ראבב, רבי מ. שטיין וועלכער איז דא צו גאסט פון ניו יארק, און דער נציב אבעלא.

דער מפקד צ. בעלל האט געעפענט די פייערונג מיטן געזאנג 'מני דן'.

דער ערשטער רעדנער איז געווען אונזער חשובער פרינציפאל פ. ראבב. דער צווייטער האט גערעדט דער יונגער רבי מ. שטיין אין ענגליש.

דער לעצטער רעדנער איז געווען דער נציב ח. אבעלא.

נאכדעם האט זיך דער יונגער עולם גענומען צו דער סעודת פורים. דערביי [illegible] לידער. איינינע פון די חברים האבען אמוזירט מיט שיינע וויצען און מען האט זיך לוסטיג געמאכט לכבוד פורים.

צוויזמערער אינדעפענדענט בענעפיט סאסייטע

ביז היינט האבען מיר שוין א מיטגלידערשאפט פון אריבער 100 גוטשטייענדע מיטגלידער.

יעצט האבען מיר אונטערגענומען אן אונטערנעמונג, פאר וועלכער מיר האבען אבגעדונגען דעם ליבערטי טעאטער.

אויך גרייטען מיר צו א דורך צו פיהרען ליטעראַרישע אווענט און מיר ווע־לען ברענגען ספעציעלע רעדנער פון ניו־יארק. דער ערשטער ליטעראַרישער אווענט וועט באלד ווערען אנאנסירט אין 'אידישען זשורנאל'.

אברהם ווייסמאן,
רעק. סעקרעטאר.

די הזכרה נאך יוסף טרומפעלדאר

זונטאג, דעם 20־טען מערץ איז פאר געקומען אין האל פון ת'ת עץ חיים א הזכרה נאך יוסף טרומפעלדאר, וואס איז איינגעארדענט געווארען פון היגען ברית תרומפלדור.

א. שיינהויז האט געעפענט דעם מיטינג אין העברייאיש און האט איבערגעגעבען דאס ווארט צו ח. אבעלא. נאכדעם האבען גערעדט דר. צבי כהן, אלדערמאן דזש. דזש. גלעס, א. שאץ און בן ציון נאטאנזאן.

ח' קראקאווער און אנדערע האבען דעקלאמירט, חזן בארענשטיין האט געמאכט די הזכרה און דער כאר פון ברית תרומפלדר האט געזונגען העברייאישע לידער.

ברידזש פון עזרת נשים

אויף א מיטינג פון דער עזרת נשים סאסייטע, אונטערן פארזיץ פון מרס. גרינבערג, איז באשלאסען געווארען דורכצופירען א ברידזש היינטיגע וואך.

אינסטאלײשאן און לײדים אוקזילערי "עדת ישראל"

200 מיטגלידער און געסט זיינען געווען אנוועזענד ביים אינסטאלײשאן דינער, וואס איז געגעבען געווארען אין 'אלד ספיין' פון דער 'עדת ישראל' רומענישער לײדים אוקזילערי.

מ. א. שעכטער איז געווען צערעמאניע מייסטער, מרס. ל. הערצמאן האט געגעבען אן אויפנאמס רעדע און רבי מ. בערגער איז געווען דער גאסט־רעדנער.

די פרעזידענטין, מרס. ל. הערצמאן און די 28 פרויען מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע האבען געקראגען זילבערנע מתנות. שיינע מתנות האבען אויך געקראגען מרס. הערצמאן, מרס. ל. קאהען, מרס. א. דזשאזעף, מרס. לודוויג, מרס דזש. הערצמאן און מרס. א. שעכטער.

די פאלגענדע באאמטע פאר 1932 זיינען אינסטאלירט געווארען:

מרס. ל. הערצמאן, פרעזידענט; מרס. א. דזשאזעף און מרס. דזש. עליאב, וויים־פרעזידענטין; מרס. ר. מאסקאוויץ טרעזשורער; מרס. וו. גודמאן, קארעספאנדענט סעקרעטאר; מרס. ס. לודוויג, רעקארדינג סעקרעטאר; און קאמיטעס פאר אונטערהאלט, קראנקען - רעליעף, געזעלשאפטליכקייט און קאנווינערס, און א פובליסיטי קאמיטע.

עס האבען גערעדט מר. און מרס. ליטנער, ס. ראזענטאל, ה. מאזעס, מרס. דזש. עליאס, דזש. רעקשער, מרס. סיל. פיזעס, וו. גודמאן, מרס. ה. סינגער, מרס א. דזשאזעף און ל. הערצמאן.

10 יאריגער יובילעאום באנקעט פון "פרייד אף איזראעל" לײדים אוקזילערי

זונטאג, דעם 13־טען מערץ איז פארגעקומען דער צען יאריגער יובילײאום באנקעט פון דער פרייד אף איזראעל לײדים אוקזילערי.

דער באנקעט איז דורכגעגאנגען מיט א זייער פייערליכער שטימונג.

י. מ. באלסער האט באגריסט דער לײדים אוקזילערי אין נאמען פון דער פרייד אף איזראעל.

דאס אנצינדען דעם יובילײאום קייק האט אריינגעבראכט א באדייטענדע סומע פארן רעליעף פאנד. פיעלע באגריסונגס־טעלעגראמען ווערען פארגעלעזען.

50 פרויען פון די ערשטע מיטגלידער פון דער לײדים אוקזילערי האבען באקומען גאלדענע רינגלאך מיט דער עמבלעם פון דער סאסייטי אלס אנדענק.

מרס. ז. טשאפלעק,
רעק. סעקרעטארין

ביי דער ליניצער סיק בענעפיט סאסייטי

זונטאג, דעם 20־טען מערץ איז [illegible] דער ליניצער סיק בענעפיט סאסייטי, אין בראנזוויק תלמוד תורה האל, אונטער דעם פארזיץ פון ברודער מארים רעזניק.

עס איז פארהאנדעלט געווארען וויכטיגע פראגען אין באצוג דעם קאמפיין פאר נייע מיטגלידער. עס איז אויך געקומען ד 3־טע פון דער סעריע לעקציעס וועלכע די ארגאניזאציאנס קאמיטע מיט אליה בוק בראש האבען איינגעפירט פאר יעדען מיטינג. צו דעם זונטאג האבען מיר געהאט א חשוב'ען לעקטאר אין דער פערזאן פון דעם אלעמען בעקאנטען רבי ש. סאקס פון דער יוני־

אלע אנוועזענדע האבען געהאט פיל פארגעניגען פון זיין טיף באלערנדע לעקציע אין א שיינעם פליסיגען אידיש.

ער האט אויך געמאכט איין אפיל פאר דעם קאמפיין פון דער תלמוד תורה, וועלכען די ליניצער סאסייטי וועט געוויס זיך ניט ענטזאגען צו שטיצען גלייך מיט אלע אנדערע אנשטאלטען.

ברודער לאיער דענבערג האט נאכהער אויסגעדריקט א פערזענליכען דאנק צום לעקטאר, באטאנענדיג אז רבי ש. סאקס איז פיליכט דער איינציגער ראביי אין טאראנטא וועלכער זוכט ניט קיין פאפולאריטעט און איז א 'גוט ברודער' מיט אלעמען, און דערפאר קומט אים פיל קרעדיט פאר זיינע גוטע טאטען.

ס. פושקאוו,
א. מאלדאווסקי,
פובליסיטי קאמיטע.

האמילטאן פורים־שפיל אין עדת ישראל שוהל

זונטאג אווענט, דעם 20־טען מערץ, האבען די שילער פון דער "סאנדיי סקול" פון דער עדת ישראל (קענאן סטריט) שוהל, פארגעשטעלט דעם "מאדערנעם המן", א פורים שפיל פון היינטיגען אידישען לעבען, צוזאמען מיט אן איינאקטער דער "פרייליכער פורים", א קינדערשע אויפפאסונג פון מגילת אסתר, אנגעפיהרט פון דער לערערין, מיס אײדא גארען. דער פראגראם האט אויך איינגעשלאסען פארלעזונגען און דעקלאמאציעס פון די קינדער אין העברייאיש און ענגלישע לידער געזונגען דורך דעם קינדער־כאר, דיריגירט פון די לעהרערינס, מיסס ט. מייקעלס און מיס דבורה פינקעלשטיין (פיאנא). רבי י. א. וואהלגעלערנטער, רב פון דער שוהל, איז געוועזען פארזיצער און גערעדט צו די קינדער און די פארזאמעלטע עלטערן וועגן דעם יום־ [illegible] טיגען אידישען לעבען.

די "לײדים אוקזילערי" פון דער שוהל האט פרעזענטירט די אויבענדערמאנטע לעהרערינס, און אויך מרס. א. י. דזשעטמאן מיט מתנות, און סערווירט די טישען פאר אלע קינדער. א גרויסער עולם פון איבער צוויי הונדערט פערזאן האט איבערפולט דעם האל פון דער שוהל און בייגעוואוינט דעם ערפאלגרייכען און אינטערעסאנטען קאנצערט.

פורים פייערונג אין האמילטאנער תלמוד תורה

פורים אווענט. באלד נאך מגילה לייענען, איז אין האל פון קענאן סטריט שוהל "עדת ישראל" פארגעקומען א גראנדיעזער פורים קאנצערט פון די ת'ת קינדער מיט דער באטייליגונג פון אלע קלאסען, אונטער דער דירעקציע פון לעהרער מר. יהושע כ"ץ. בעזונדער האבען זיך אויסגעצייכענט די קינדער פונ'ב גן מיט זייערע העברייאישע לידער און דעקלאמאציעס.

טשערמאן פון אווענט איז געווען הרב שמואל לעווין, יושב ראש פון ועד החנוך. די קינדער האבען געזונגען העברייאישע און אידישע פאלקס לידער, פארגעשטעלט לעבעדיגע בילדער, דעקלאמירט און געלייענט זייערע איינענע קאמפאזיציעס, וועלכע זיינען געדרוקט אין קינדער אבטיילונג אין "אידישען זשורנאל" געשפילט צוויי איינאקטערס "בליל פורים" און "פורים שפילער".

טראץ דעם שרעקליכען וועטער, איז דער גרויסער זאל געווען איבערפולט פון מענשען, אז ס'איז ניט געבליבען קיין פלאץ פאר שטייענדיגע אפילו.

רבי י. אלימלך וואהלגעלערנטער האט גערעדט וועגען דער תלמוד תורה און אפעלירט פאר נייע תלמידים צום קומענדען זמן, וועלכער הויבט זיך אן ראש חדש ניסן. די רעגיסטראציע קומט פאר יעדען טאג אין ת'ת אפיס, 58 וויין סט.

די ענערגישע פרעזידענטין פון דער פרויען ארגאניזאציע פון ת'ת, מרס. ס. נידעל האט באדאנקט די אנוועזענדע, די לעהרער מר. י. כ"ץ און מיסס ס. קראטש און די מיטגלידער פון ועד החנוך וועלכע האבען געהאלפען דורכפיהרען דעם וואונדער־שעהנעם אווענט.

מיטגלידערינס פון "דזשוניאר קאונסיל אף דזשואיש וואימען" האבען דאן צעטיילט משלח מנות צו אלע קינדער, און דער קאנצערט האט זיך געשלאסען נאענט צו חצות.

א חבר פון ועד החנוך.

נייעס פון איבער גאנץ קאנאדע

אנטאריא לייבאר פארטיי פאר א 30 שטונדיגע ארבעטס וואך

ווינדזאר, מערץ 27.

די צוויי טאגיגע קאנווענשאן פון דער אנטאריאר לייבאר פארטיי, וואס איז דא אפגעהאלטען געווארען, האט אנגענומען א רייהע רעזאלוציעס, זיך ארויסזאגענדיג פאר א פינף טאגיגע ארבייטס וואך, צו זעקס שטונדען א טאג מיט שכירות פאר די ארבייטער "לויט דער פראדוקטיוויטעט פון ארבייט".

אנדערע רעזאלוציעס האבען גערופען צו פארקלענערען דעם עלטער פאר עלטער פענסיע ביז 65 יאהר; דאס אפשאפען די פאדערונג פון וואוינען אויף דעם פלאץ פינף יאהר צייט, כדי צו זיין בארעכטיגט צו עלטער פענסיע; א מינימום אויך פאר איינגערע פון 18 יאהר, ארגאניזירען א קאמפיין פאר אמענדמענטס צום מוניציפאלען אקט, וועגען באפרייען פון שטייערען געוויסע טיילען פון פריוואטען וואוינונגען פארמעגען א. א.

צווישען די פראמינענטע רעדנער ביי דער קאנפערענץ זיינען געווען ה. מיטשעל דער לייבאר אמ. פ. פאר האמילטאן איסט און דוד קראל, דער מעיאר פון ווינדזאר.

דער לעצטער האט אין זיין רעדע רעקאמענדירט זיך ארויסצוזאגען פאר א לעגאלען פארקויפען פון ביער און ווין אויפ'ן גלאז, און דאס ערלויבען לאטעריעס צו פינאנסירען האספיטעלער פאר ארימע.

עס האבען אויך גערעדט קאנטראלער דזשיימס סימפסאן פון טאראנטא און מיס ראז הענדערסאן, די געוועזענע געהילף ריכטער אין מאנטרעאלער קינדער געריכט און ארבייטער פיהרערין.

מעדעא פון זיין פינף יאהריג קינד ווערט פראצעסירט

קעמפבעלפארד, מערץ 27.

יוה גרינשילדס, מלחמה וועטעראן, 37 יאהר אלט, וועט דינסטאג געשטעלט ווערען צום פראצעס פאר דערמארדען זיין 5 יאהריגען זוהן דעם 13־טען נאוועמבער.

זיין ניין יאהריגער אינגעל, וועלכער איז דאן געפעהרליך צושלאגען געווארען מיט א שטעקען און וועלכער האט געהאלטען ביים שטארבען, איז שוין יעצט פאלקאם געזונט.

גרינשילדס האט לעצטען יוני געקראגען ערנסטע וואונדען אין קאפ, ווען ער איז איבערגעפאהרען געווארען פון א טראק, און מען גלויבט, אז דאס זאל האבען געווירקט אויף זיין מארך ביים באגעהן דעם שרעקליכען פארברעכען.

משונה'דיגער וועטער אין קאלגארי

קאלגארי, מערץ 26.

קאלגארי האט נעכטען געליטען פון אן אונדערוואוערטעטען משונה'דיגען וועטער.

דער טאג האט זיך אנגעהויבען מיט העלען זונענשיין. שווערע וואלקענס האבען באלד פינסטער געמאכט און געבראכט שניי. נאכדעם איז געקומען רעגען מיט דונער און בליצען.

ביינאכט האט זיך צעשפיעלט א לייכטער שניי שטורם מיט געדיכטע וואלקענס איבער די דרום טיילען פון דער פראווינץ.

שיער דערהרגט באלד נאך דער חתונה

לאנדאן, אנט. מערץ 27.

מר. און מרס. סידני וועסטריטש, פון פיינוואוד עוועניו טאראנטא, זיינען שיער ניט דערהרג'עט געווארען, ווען מר. וועסטריטש האט געקראגען א הארצשלאג דרייווענדיג די קאר, אין וועלכער זיי זיינען געפאהרען.

די קאר, איבער וועלכער וועסטריטש האט פארלארען דאס קאנטראל, איז אריבערגעשפרונגען איבער א גראבען, האט דורכגעבראכען א פלויט און איז אפגעלאפען א 150 פוס איבער א פעלד ביז דער מאטאר האט זיך אפגעשטעלט.

וועסטריטש איז געבראכט געווארען אין וויקטאריא האספיטאל. זיין לאגע איז אן ערנסטע.

די וועסטריטש האבען חתונה געהאט לעצטען דאנערשטאג און זיינען ארויסגעפאהרען באלד נאך דער חתונה אויף א טור מיט דער קאר.

געשאסענער זינגער אונטער ערנסטער סקאנע

האמילטאן, מערץ 27.

א סענזאציאנעלע אנטוויקלונג פון דעם פלאנטער ארום דאס שיסען פון דעם היגען זינגער דזשארדזש ענדערסאן, דער סאליסט פון דער סט. פאולס קירכע, וועלכער איז געפונען געווארען די נאכט פון דעם 17־טען יאנואר א שווער פארוואונדעטער אויף א זייטיגע וועג הינטערן שטאדט, איז נעכטען באקאנט געווארען, ווען ענדערסאן איז אנגעקלאגט געווארען אין א מיאוסען פרואוו צו באגעהן א מיאוסען פארברעכען געגען דעם 22 יאהריגען הערי ברייטוועל, פון מאנטרעאל.

הערי ברייטוועל, מיט וועמען ענדערסאן האט זיך באפריינדעט, ווען ער האט זיך געפונען אין האמילטאן, איז ארעסטירט געווארען אין מאנטרעאל און איז געבראכט געווארען אהער.

נאך א לאנגען אויספרעגען איהם איז ער געשטעלט געווארען אונטער דער קלאגע פון שיסען ענדערסאנען.

ענדערסאן איז געשטאנען אונטער צעהן טויזענט דאלאר בעיל אלס וויקטינער עדות אין דעם פראצעס געגען ברייטוועל'ן. די זעלבע בעיל איז אנגענומען געווארען אויך פאר ענדערסאנס דערשיינען דינסטאג אונטער דער נייער באשולדיגונג געגען איהם.

DUCHESS THEATRE
Dundas cor. Markham

2 טעג בלויז 2
מאנטאג און דינסטאג
28־טען און 29־טען מערץ.

ספעשעל מאטינע היינט
טירען אפען פון 1 נאכמיטאג.

די גרעסטע דראמע פון פאטער ליבע — פאראכטעט פון דער גאנצער וועלט גיט ער אוועק זיין לעבען פאר זיין זון.

„טשעמפ"
מיט וואלאס בירי און
דזשעקי קופער
די סטארס פון "ביג האוז" און "סקיפי".

EMPIRE

די גאנצע וואך
צוויי מאל טעגליך 8.30 — 2.30
עלען גילבערט
פרעזענטירט
„לאנדאן בעלס"
בוך ביי דזשיימס יאמאן
18 — עלען גילבערט
פעני סטעפערס — 18

פרייזען:
ליידיס מאטינע טעגליך 25ס.
אווענט: 25ס. ביז $1.00.
מאטינעס: 25ס. און 50ס.

קאלומביא בורלעסק

GARDEN THEATRE
College at Spadina

היינט, דינסטאג און מיטוואך
28־טען, 29־טען און 30־טען מערץ

געלעכטער, וואס איהר האט געזוכט; הארץ קלאפען, וואס איהר האט זעלטען געפיהלט; ראמאנס, וואס ברענגט א ציטערדיג טרעהר אין אייער אויג — דאס אונפארגלייכבארע שפילען פון קינסטלער — דאס אלץ אין

פלאטינום בלאנד
מיט לארעטא יאנג, ראבערט וויליאמס, דזשין הארלאו



אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערמענט אלס
אפטאמעטריסט און אפטישען
דר. הענרי העררים
279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אווענט.

Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p. m.

איהר מעגט אונז גלויבען!!

אז אייער דרוק ארבייט אין
„אידישען זשורנאל"
וועט אייך קאסטען א האלב געלט
אויב איר באשטעלט אייערע ארדערס יעצט
טעלעפאנירט בלויז
וויווערלי
6510
און אונזער פארטרעטער
וועט אייך באזוכען

אפיס טעלעפאן:
עלגין 3641.

הויז טעלעפאן
לאידברוק 4758.

לאיער נייטען פהיליפס קיי. סי.
און קאמפאניע
NATHAN PHILLIPS, K.C.
אימפעריאל באנק בילדינג
171 יאנג סטריט
קארנער יאנג און קווין סט.
אפיס שטונדען: פון 10 פריה ביז 6 נ. מ.

לאיערס גלעס און דיקלער
— פון —
GLASS - DICKLER & CO.
708 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.
אפיס טעלעפאן: עדעלייד 1168 — 1169
אלנעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיס.
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

אפיס טעלעפאן:
עלגין 1619

נאך אפיס שטונדען:
טריניטי 1446.

לאיער
ה. ס. מאנדעל
— פון —
גודמאן און מאנדעל
באריסטערס, סאליסיטארס א. אז. וו.
רומס 40—41 אימפיריאל באנק בילדינג 171 יאנג סטריט

אפיס:
45 ריטשמאנד סט. וועסט
705 סענטראל בילדינג.

אפיס טעלעפאן:
וויווערלי 2211
הויז טעלעפאן קינגסדייל 8419.

לאיער ב. ווינבערג ב.א.
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.
מארגיידזשעס געקויפט.

אפיס:
45 ריטשמאנד סט. וועסט
904־905 סענטראל בילדינג

אפיס טעלעפאן:
עדעלייד 3083
הויז טעלעפאן: טריניטי 1078

לאיער סאול אייזען ב.א.
SOL. EISEN, B.A.
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס

גאלדענבערג'ס כשר רעסטאראנט
באזונדערע פלעצער פאר
מילכיגס און פליישיגס
די אמת'ע כ ש ר ה סיסטעם
עקזיסטירט זינט 1908.
275־273 ספעדיינע עוועניו. טעלעפאן וויווערלי 4960.

איר דארפט נישט אפלייגען ביז בעסערע צייטען!

שאפט אייך איין יעצט, לכבוד פסח, איינעם פון די וואונדערבארע בארגיינס, וואס איהר קריגט ביי די ניי־דערעפענטע

מייפעל ליף אפהאלסטערינג לטד.

נייע טשעסטערפילדס און טשעסטערפילד סעטס
פון $37.50 און העכער
מיר פיקסען אויך אלערליי פארניטשור.
ספעציאליסטען אין איבערציהען אלטע טשעסטערפילדס ביליג
נוצט אויס די געלעגענהייט! עסטימייטס פריי

Maple Leaf Upholstering Ltd.
77 YORK STREET (IN REAR)
טעלעפאן וויווערלי 2878

STANDARD THEATRE

אונזער נייער טעלעפאן נומער איז: וויווערלי 6950

אב. קאגוט פרעזענטירט די גרויסע קינסטלער קא.
די באליעבטע און אנערקענטע קינסטלערין
סיידי שיינגאלד
— מיט —
סעם אוירבאך סיימאן וואלף
בעני זיידמאן, מאקס קלעטער, מאקס הייניג, העלען בידא, העלען בערנאדי און סילוויא פישמאן און אברהם לאקס.

היינט און מארגען 28־טן און 29־טן מערץ
בענעפיט פאר מאונט סיני האספיטאל
עס ווערט געשפילט
„די אפגעגארטע כלה"
פון ש. שטיינבערג.

ווידער עטוואס נייעס! ווידער עטוואס נייעס!
פרייטאג אווענט שבת בייטאג און אווענט
1־טען און 2־טען אפריל
סיימאן וואלף'ס נייעסטע מעלאדראמע מיט געזאנג
לוינט זיך צו לעבען?
אויפגעפיהרט פון סעם אוירבאך. מוזיק פון בעני זיידמאן.

צוויי טעאטער נעכט
פאר'ן בענעפיט פון
דעם אידישען מאונט סיני האספיטאל
— אין —
סטענדערד טעאטער
מאנטאג און דינסטאג דעם 28־טען און 29־טען מערץ
עס וועט געשפילט ווערען צום ערשטען מאל אין טאראנטא
„די אפגענארטע כלה"
פון סעם שטיינבערג.
אויפגעפירט פון דער גאנצער קינסטלער קאמפאניע מיט סיידי שיינגאלד און סעם אווערבאך אין די הויפט ראלען.
פאר מאנטאג אווענט בייט אויס אייערע בילעטען ביי מרס. ד. דווארקין, 525 דאנדעס סטריט וועסט.
פאר דינסטאג אווענט בילעטען אין סטענדערד טעאטער.
פארפעהלט ניט די פארשטעלונגען, וועלכע וועלען זיין די גרעסטע, וואס טאראנטא האט ווען עס איז געזעהן.

דער משרד הרבנים
מאכט באקאנט אז ביי דעם בוטשער
שלמה גוטפילד
804 דאנדעס סט. וועסט
איז געפונען געווארען טריפות
און ער איז געאסורט צו פארקויפען כשר פלייש צו אידען.
פאר־א־יאהרען האט מען ביים זעלבען בוטשער געפונען טריפות האט ער אליין אונטערגעשריבען, אז אויב ער וועט נאך אמאל אזוי טאן איז ער גע'אסור'ט אויף אייביג.
זאל דאס פובליקום וויסען און אין דעם בוטשער שאפ ניט קויפען.
משרד הרבנים טאראנטא.

ה. סטיטסקי 358 ספעדיינע עוו.
סילק און וואולענס
ווי אויך נייע דעזיינס אין קרעפ־טשוגגא און פרינט סילקס.
גרויסער אויסוואל אין נייע דעזיינס אויך אין מענער וואולענס
50 טויזענט דאלער סטאק
צו דזשאבינג פרייסעס
צופרידענהייט גאראנטירט אדער געלט צוריק.
טעלעפאן וויווערלי 6511
די סטריט קאר סטאפט גלייך ביי אונזער סטאר.